# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

כי תשא - פורים

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבען

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

ענגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com


**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**



2025 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## פרשת כי תשא - פורים


וריחמתי את אשר ארחם - זיי זיך נישט טועה אין דיין השתדלות ........ ד

חג לה' מחר - דעם אויבערשטן'ס יו"ט ווען אַ איד האַלט זיך צוריק פון אַ עבירה .......... ז

בדבר המלך - קוקנדיג צוריקוועגס פאַרשטייט מען אַז אַלעס איז בלויז דיך צו העלפן .......... יב

אשר בשושן הבירה - אַלעס איז מיט אַ וואונדערליכן פונקטליכן חשבון .......... טז


### ספה"ק בת עין

**... הִנֵּה כְּתִיב 'וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת וְגוֹ' לְדֹרֹתָם' וְגוֹ'** ס'שטייט אין פסוק 'און די יודישע קינדער זאלן אפהיטן דעם שבת וגו' פאר די שפעטערע דורות', **וְאִיתָא בַּגְּמָרָא** (תיקו"ז כב:) **'לְדֹרֹתָם' חָסֵר כְּתִיב** דיווארט 'לדרתם' שטייט פעלערהאפטיג אן א 'ו', **לַעֲשׂוֹת לוֹ דִּירָה נָאָה בְּלִבּוֹ** די תורה מיינט צו זאגן מיט די ווארט 'לדרתם' צו מאכן א שיינע דירה אין זיין הארץ.

**פֵּירוּשׁ לַעֲשׂוֹת לְשַׁבָּת דִּירָה נָאָה בְּלִבּוֹ** ד"ה צו מאכען פאר די שבת א שיינע דירה אין זיין הארץ, **בִּבְחִינַת לֵב** מיט די בחינה וואס הייסט 'לב', **שֶׁמְּרַמֵּז לַתּוֹרָה שֶׁמְּסַיֶּימֶת בְּאוֹת לָמֶ"ד וּמַתְחֶלֶת בְּאוֹת בֵּי"ת** וואס די ווארט 'לב' איז מרמז צו די תורה וואס הייבט זיך אן מיט א בי"ת און ענדיגט זיך מיט א למ"ד, **וּכְשֶׁלּוֹמֵד תּוֹרָה בִּימוֹת הַחוֹל בִּקְדוּשָּׁה כָּרָאוּי** און ווען א מענטש לערנט תורה ווי עס פאסט זיך מיט א קדושה אין די וואכען טעג, **בָּזֶה עוֹשֶׂה דִּירָה נָאָה לִבְחִינַת שַׁבָּת** מיט דעם מאכט ער ביי זיך א שיינע דירה פאר די בחינה פון שבת.

**וּכְמַאֲמַר חֲזַ"ל** (שבת קיח.) **עֲשֵׂה שַׁבַּתְּךָ חוֹל** אזוי ווי חז"ל זאגן עשה שבתך חול, 'מאך דיין שבת וואכענדיג' **פֵּירוּשׁ חוֹל מֵכִין לְשַׁבָּת** דאס הייסט אז די וואכן טעג גרייטן אונז אן צום שבת, **שֶׁבְּחוֹל הוּא עוֹשֶׂה הֲכָנָה וְדִירָה לִבְחִינַת שַׁבָּת** אז אין די וואכען טעג מאכט מען שוין א הכנה און א דירה פאר שבת.

**וְעַל זֶה אָנוּ מִתְפַּלְּלִים 'וְטַהֵר לִבֵּנוּ לְעָבְדְּךָ בֶּאֱמֶת וְהַנְחִילֵנוּ כוּ' שַׁבַּת קָדְשֶׁךָ'** און פארדעם דאווענען אונז אויף די בחינת 'לב' ווי מען זאגט ביי שמונה עשרה 'און טו מטהר זיין אונזערע הערצער אז מיר זאלן קענען אמת'דיג דיר דינען און דו זאלסט אונז מאכן ארבן כו' דיין הייליגער שבת', **פֵּירוּשׁ שֶׁיִּהְיֶה לִימּוּד הַתּוֹרָה הוּא בְּחִינַת 'לֵב'** דאס הייסט אז די לימוד התורה וואס אונז לערנען אין די וואכען טעג וואס ווערט אנגערופען 'לב', **בְּטָהֳרָה וּבֶאֱמֶת** זאל זיין מיט טהרה און מיט א אמת, **וְנוּכַל לְהַנְחִיל בְּחִינַת שַׁבַּת קוֹדֶשׁ בְּדִירָה נָאָה וּטְהוֹרָה** כדי אונז זאלען קענען אריינלייגען די בחינה פון שבת אין א שיינע דירה [ד.מ. אין א הארץ] מיט טהרה.

**וְנִזְכֶּה לִבְחִינַת מֹשֶׁה שֶׁשַּׁבָּת הוּא חֶלְקוֹ** און דורך מאכן א הכנה צו שבת מיט לימוד התורה וועלן מיר זוכה זיין צו די בחינה פון משה וואס שבת איז זיין חלק, **כְּמַאֲמַר 'יִשְׂמַח מֹשֶׁה בְּמַתְּנַת חֶלְקוֹ'** אזוי ווי מען זאגט ביי שמונה עשרה 'אז משה פריידט זיך מיט זיין חלק' [וואס דאס מיינט די טאג פון שבת]. **(פרשת כי תשא ד"ה ויאמר ה' וגו')**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# פרשת כי תשא - פורים

**וריחמתי את אשר ארחם - זיי זיך נישט טועה אין דיין השתדלות**

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער פרשה (לג, יט) 'וחנותי את אשר אחון וריחמתי את אשר ארחם'. איז שווער, די ווערטער 'את אשר אחון', און 'את אשר ארחם' זענען לכאורה איבעריג. עס וואָלט געווען גענוג צו זאָגן 'וחנותי וריחמתי', ווייל צו דען וועט דער אויבערשטער רחמנות האָבן אויף איינעם וואָס ער דאַרף 'נישט' קיין רחמנות?

**ענטפערט** דער 'אַלטער' פון קעלם זצ"ל ('כתבי הסבא מקלם', ימים נוראים, יג) אַז דער פסוק וויל אונז לערנען, 'וחנותי' - איך וועל זיך דערבאַרימען אויף איינער וואָס גלייבט און פאַרשטייט 'אשר אחון' - ער איז נישט נישט תולה זיין 'חנינה' און הצלחה אין זיין אייגענעם כוח ח"ו, נאָר ער ווייסט אַז אַלעס וואָס ער האָט איז אַ מתנה פון דעם אויבערשטען. און אויף דעם זאָגט דער פסוק ווייטער, 'וריחמתי' - איך וועל רחמנות האָבן אויף דעם וואָס ווייסט, 'את אשר ארחם' - אַז איך בין דער וואָס האָט רחמנות אויף איהם, אָבער דער מענטש וואָס טראַכט חלילה אַז אַלעס איז אָנגעוויזן אין זיין אייגענעם כוח און זיינע אייגענע מעשים, איז נישט ראוי צו רחמים[א].

**זאָגט** דער 'אַלטער' פון קעלם, דער מענטש וואָס אנערקענט[ב] אַז דער אויבערשטער טוט אַלעס[ג], און אַליין קען דער מענטש גאָרנישט[ד], אויב עס איז נישט דער רצון פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, וויל ער דאָך אייביג זיין נאָנט צו דעם אויבערשטען און

**א.** דער 'אלטער' פון קעלם זצ"ל זאָגט דאָרט אַ משל, ווען איינער איז נישט געזונט ל"ע, אויב ער אנערקענט זיין קראַנקהייט און ער ווייסט אַז זיין רפואה איז אין די הענט פונעם דאָקטאָר, דאַן פאָלגט ער אַלעס וואָס דער דאָקטאָר הייסט איהם, ער טוט נישט אָפּנויגן אַפילו אַ משהו פון דעם דאָקטאָר'ס אָנווייזונגען. אָבער אויב דער פּאַציענט איז אַן 'אויבער חכם', ער רעדט זיך איין מיט זיין 'ברייטן שכל', אַז ער איז נישט אין אַזאַ געפאַר, און ער מוז נישט פאָלגן אַלעס וואָס דער דאָקטאָר זאָגט איהם, דאַן האָט אויך דער דאָקטאָר אַליין נישט אַזוי פיל 'חשק' זיך אָפּצוגעבן מיט איהם...

דער נמשל איז קלאָר: ווען דער מענטש פאָלגט דעם 'מלך רופא נאמן ורחמן', און ער געדענקט אַז ער און זיין גאַנצער מצב זענען אָנגעוויזן נאָר אויף דעם באַשעפער, דאַן טוט דער גרויסער דאָקטאָר, זיין ליבער טאַטע אין הימל, דער אויבערשטער כביכול, איבערלאָזן אַלעס און ער גיט זיך אָפּ נאָר מיט איהם אין אַלע ענינים, אין פרנסה און נחת און כל טוב סלה. אָבער אויב דער מענטש איז חלילה מזלזל דערין, עס דאַכט זיך איהם אַז אַלעס איז אין זיין אייגענע האַנט, טוט דער אויבערשטער כביכול איהם אויך אָפּלאָזן ח"ו.

**ב.** דער פריערדיגער בעלזער רב, הרה"ק מהרי"ד זי"ע, האָט אַמאָל געשמועסט מיט זיינע מקורבים וועגן עטליכע לענדער וואָס שלאָגן זיך אַרום איבער אַ געוויסן ים, צו וועמען עס געהערט. האָט דער בעלזער רב געזאָגט: - דער זאָגט אַז דער ים איז זיינער, און דער זאָגט אַז דער ים איז זיינער, אָבער מיין יאָסעלע (הרה"ח רבי יאָסעלע שטערוויצער ז"ל, וועלכער איז געווען דער בעל תפילה צו 'סליחות' אין בעלזא) זאָגט: **'אשר לו הים והוא עשהו'...**

**ג.** אַמאָל אין אַ פרייטאָג צו נאַכטס, ביים טיש פון הרה"ק בעל 'פני מנחם' זי"ע, האָט מען מכבד געווען אַ חשוב'ן איד צו זינגען 'קה רבון', און יענער האָט געזינגען אַ ניגון וואָס דער עולם האָט נישט געקענט. ווען דער איד האָט געענדיגט זינגען, האָט דער 'פני מנחם' געהייסן זינגען נאָך אַמאָל דעם באַקאַנטן ניגון אויף 'קה רבון', זאָגנדיג: **'דעם 'קה רבון' דאַרף יעדער איינער קענען'...**

**ד.** דער ראָפּשיצער רב זי"ע זאָגט אין 'זרע קודש' (פ' ויצא, ד"ה 'עוד יש לומר'), אַז ער האָט געהערט יונגערהייט, אַז דער וואָס וויל זיך היטן פון געבן אַן 'עיר הרע' פאַר אַ קינד זאָל אַרויפקוקן אויבן. שרייבט דער ראָפּשיצער רב, אַז לויט זיין מיינונג, האָט אַ צדיק דאָס געזאָגט מיט זיין חכמה, ווייל דער שאָדן פון אַן 'עין הרע' קומט ווען דער

טוהן זיין רצון מיט'ן גאַנצן האַרץ, ווייל ער ווייסט דאָך קלאָר אַז אַלעס איז אָנגעוויזן אויף דעם אויבערשטען, און אַזוי איז ער אייביג באַהאָפטן צו דעם אויבערשטען כביכול, און ער ווענדעט זיך צו איהם אַז ער זאָל איהם העלפן און צושטעלן אַלעס וואָס ער דאַרף האָבן, ווערט ער דורך דעם ראוי אַז דער אויבערשטער זאָל רחמנות האָבן אויף איהם.

**אַנדערש** איז מיט דעם מענטש וואָס עס דאַכט זיך איהם אַז 'כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה', שפירט ער זיך דאָך נישט אָנגעוויזן אויף דעם אויבערשטען, האָט דער אויבערשטער טאַקע נישט רחמנות אויף איהם.

**מיט** דעם טייטשט ער אויך די ווערטער פון די גמרא (ברכות לג.) 'כל מי שאין בו דעה אסור לרחם עליו' - דער מענטש וואָס האָט נישט קיין דעת, טאָר מען נישט רחמנות האָבן אויף איהם [וואָס די מפרשים טייטשן עס, אַז מ'קען עס אַוודאי נישט לערנען לויט'ן פשוט'ן פשט, ווייל וואָס איז שולדיג דער מענטש וואָס האָט ל"ע נישט קיין שכל], נאָר די כוונה פון חז"ל איז וועגן איינעם וואָס פאַרשטייט נישט און אנערקענט נישט אַז אַלעס וואָס ער האָט איז פון דעם אויבערשטען, אויף אַזאַ איינעם טאָר מען נישט רחמנות האָבן, ווייל אויב ער רעדט זיך איין אַז ער איז דער וואָס איז מצליח און איז שטאַרק, איז דאָך וואָס מער טובות און ברכות ער באַקומט, וועט ער דאָך מער זיין אין דעם גדר פון 'וישמן ישורון ויבעט' (דברים לב, טו), און ער וועט זיך מער דערווייטערן פון דעם אויבערשטען, און איינער וואָס איז אינגאַנצן דערווייטערט פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, איז אַ סכנה פאַר די מענטשהייט, און פאַר די גאַנצע בריאה, און וועגן דעם טאָר מען נישט רחמנות האָבן אויף איהם, פונקט אַזוי ווי מ'איז מחויב צו דערווייטערן פון זיך יעדן שאָדן.

**אַזוי** טייטשט דער ווילנער גאון זצ"ל, די ווערטער פון חז"ל (ב"ק צב:) רבא האָט געזאָגט צו רבה בר מרי, ווען מיר זענען געווען קליין זענען מיר גערעכנט געוואָרן אַלס מענטשן, און יעצט, ווען מיר זענען עלטער געוואָרן זענען מיר נידעריג אַזוי ווי קליינע קינדער.

**זאָגט** דער ווילנער גאון (אין 'חידושי אגדות'), דער מדרש (ויק"ר פכ"ה, ה) זאָגט אַ משל, אַ הינדל ווען זי איז קליין, טוט איר מאַמע איר שפייזן און גיט איר אַריין דאָס עסן אין מויל, און ווען זי ווערט עלטער און קומט עסן מיט די מאַמע, שלאָגט זי איר, ווייל זי קען זיך שוין אַליין שפייזן. דאָס זעלבע איז מיט'ן מענטש, ווען ער איז קליין, פאַרזיכערט ער זיך אויף זיין באַשעפער און דער אויבערשטער פירט איהם מיט אַ השגחה פרטית[ה], און ווען ער ווערט גרעסער, פאַרזיכערט ער זיך

---

מענטש וואונדערט זיך אויף אַ שיינע זאַך אָדער אַ גרויסקייט וואָס זיין חבר האָט, ווייל ס'איז דאָך נישט שייך זיך צו וואונדערן אויף די גרויסקייט פונעם באַשעפער, און מיט דעם וואָס ער הייבט אויף די אויגן צום הימל, טוט ער באַהעפטן די זאַך צו איר שורש, און עס וועט שוין נישט שאַטן דאָס וואָס מענטשן וואונדערן זיך דערויף.

אַזוי זאָגן די 'דורשי רשומות', אַז '**מכה**' איז ראשי תיבות **מ**'סבב **כ**'ל **ה**'סיבות, און עס איז אויך די ראשי תיבות פון **מ**'לך **כ**'ל **ה**'ארץ. דאָס איז אַ רמז, אַז ביי יעדע מכה וואָס קומט אויפ'ן מענטש, סיי דורך אַנדערע מענטשן, און סיי דורך זיך, ווען עס דאַכט זיך איהם אַז ער איז דער גורם און דער 'שולדיגער' דערין, זאָל ער גדענקען, **אַז די מכה איז אויף איהם געקומען נאָר דורך דעם באַשעפער, דעם 'מלך כל הארץ', וואָס ער איז אויך דער 'מסבב כל הסיבות'**, צו ברענגען אויפ'ן מענטש אַלעס וואָס מ'האָט אויסגערופן אויף איהם אין הימל...

**מן הבאר**

די ספרים טייטשן בדרך צחות דעם פסוק (קהלת ט, יא) 'לא לחכמים לחם'. דער אויבערשטער זאָגט צו די 'חכמים', אויב דו ביזט אַזוי 'קלוג', און דו פאַרלאָזסט זיך אויף דיין אייגענע חכמה, דאַרף איך דיר שוין נישט העלפן, נאָר טוה דיר אַליין 'ערלעדיגן' דיין מצב...

**ה.** דער גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל (ב"ב ס"ה סקי"ח) שרייבט אַ טעם פאַרוואָס תלמידי חכמים זענען פטור פון באַצאָלן שטייערן צו היטן די שטאָט (ב"ב ז:), ווייל די תלמידי חכמים דאַרפן נישט אָנקומען צו די שמירה פון מענטשן,

אויף זיך אַליין, און ממילא, ווערט אויך די השגחה פרטית פון באַשעפער אויף איהם ווייניגער, און צוליב דעם האָבן די 'כרובים' אין משכן געהאַט פּנים'ער אַזוי ווי יונגע קינדער (סוכה ה:), צו ווייזן אַז די יונגע קינדער זענען ע"פ רוב צוזאַמען מיט די שכינה.

**ענליכע** ווערטער, שרייבט דער גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל (ב"ב סימן ה, סק"ח) אַז די השגחה פון דעם אויבערשטען ברוך הוא איז לויט וויפיל בטחון דער מענטש האָט אין דעם אויבערשטען.

**מורא'דיגע** ווערטער, שרייבט דער גאון רבי שמעון זשעליכאָווער זצ"ל הי"ד (משגיח פון 'ישיבת חכמי לובלין', 'נהרי אש', מאמר יב), מיר געפינען אין די ראשונים ז"ל, אַז דער חטא פונעם עגל איז נישט געווען צו לייקענען אין באַשעפער ח"ו, ווי דער רמב"ן ז"ל שרייבט "זיי האָבן נישט געזוכט אַז דער עגל זאָל זיין פאַר זיי אַזוי ווי אַ גאָט וואָס מאַכט לעבן און שטאַרבן, נאָר זיי האָבן געוואָלט אַז דער 'עגל' זאָל זיין פאַר זיי אַ 'מורה דרך', אנשטאט משה רבינו ע"ה (ענליך שרייבט אויך דער 'אבן עזרא' און אַנדערע ראשונים). דאָס מיינט, זיי האָבן געהאַט אַ טעות צו מיינען אַז זיי דאַרפן אָנקומען צו אַ 'צורה', דורך וועלכע די שפע פון באַשעפער זאָל חל זיין אויף זיי.

**דעריבער**, לויט דעם, איז אויך היינטיגע צייטן שייך דער ענין פון 'מאַכן אַן עגל' חלילה, ווייל דער וואָס גלייבט אַז די 'השתדלות' וואָס ער טוט פאַר זיין פרנסה וועט איהם ברענגען זיין פרנסה, איז ער זיך טועה נאָך די השתדלות, אַזוי ווי די אידן האָבן זיך טועה געווען צו גיין נאָכ'ן 'עגל'. נאָר דער ריכטיגער וועג איז צו וויסן, אַז די עצם פרנסה קומט פון הימל, און דער אויבערשטער וועט שוין אַריינגעבן אין האַרץ פונעם מענטש עפּעס אַ השתדלות צו טוהן, כדי עס זאָל זיין מלובש בדרך הטבע, אָבער ער דאַרף גלייבן און זיך פאַרלאָזן נאָר אויף דעם אויבערשטען אַליין', און אין קיין שום זאַך, אויסער דעם אויבערשטען.

---

ווייל זיי ווערן געשיצט פון די תורה וואָס זיי לערנען. זענען זיי נישט אונטערגעוואָרפן אונטער די טבע, אַזוי ווי אַנדערע מענטשן, און די השגחה פון דעם אויבערשטען איז לויט וויפיל בטחון אַ מענטש האָט אין דעם באַשעפער ברוך הוא, עכ"ל.

זעהען מיר פון די ווערטער פונעם 'חזון איש', אַז דורך לימוד התורה שטאַרקט זיך די אמונה און בטחון פון דעם אויבערשטען, און אַזוי איז מען זוכה צו אַ שמירה פון הימל.

**ו.** ענליכע ווערטער שרייבט הרה"ק בעל 'בת עין' זי"ע (שבת חוה"מ פסח), עס שטייט אין זוהר הקדוש (ח"ג סא.), אַז חירם, דער קעניג פון צור, האָט זיך געמאַכט פאַר אַן אָפּגאָט, און ער האָט געזאָגט וועגן זיך (יחזקאל כח, ב) 'מושב אלהים ישבתי'. איז שווער, ווי אַזוי האָט חירם זיך געקענט נאַרן אַזוי שטאַרק? דער גרעסטער טיפּש ווייסט דאָך, אַז אַליין איז ער גאָרנישט. 'שאם יפתח אחד מהם או יסתם אחד מהם, אי אפשר להתקיים ולעמוד לפניך אפילו שעה אחת'.

ענטפערט דער 'בת עין', אַז דער טעות פון חירם איז נישט געווען אַז ער האָט זיך איינגערעדט אַז ער איז אַן אָפּגאָט, נאָר זיין טעות איז געווען, אַז **ער האָט געזעהן אין זיך אַזוי פיל חכמה און עשירות, אַז ער האָט זיך איינגערעדט, 'כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה'**. צוליב דעם רעכנט איהם דער פסוק גלייך ווי ער האָט זיך אַליין געמאַכט פאַר אַן עבודה זרה.

דער גאון רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל האָט געזאָגט, אַז דער מענטש וואָס פאַרזיכערט זיך אויף זיינע געשעפטן אָדער אויף זיין אַרבעט, טראַכטנדיג אַז פון זיי וועט ער האָבן פרנסה, איז ער אַזוי ווי איינער וואָס דינט עבודה זרה. ער דינט די שטערן און די מזלות, ווייל זיי גלייבן דאָך אויך אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט, נאָר וואָס דען, זיי רעדן זיך איין אַז די שטערן און די מזלות זענען בכח משפיע צו זיין אויף זיי אַ שפע פון פרנסה, און זייערע אַנדערע באַדערפענישן. אַזוי טוט ער זיך אויך פאַרלאָזן אויף זיינע געשעפטן, און ער 'דינט' זיי, ווייל ער מיינט אַז פון די געשעפטן וועט קומען זיין ישועה. **דער מענטש דאַרף גלייבן אַז זיין גאַנצער געשעפט איז נאָר אַ מיטל דורך וועלכן דער אויבערשטער שיקט איהם אייביג זיין פרנסה, און דאָס וואָס ער דאַרף פאַרדינען, וועט ער פאַרדינען, סיי אויב ער וועט אַרבעטן, און סיי אויב ער וועט נישט אַרבעטן**, ווייל ער דאַרף זיך פירן אַזוי ווי ס'איז דער סדר העולם, און טוהן פעולות פון השתדלות, כדי ממשיך צו זיין די השפעה פון פרנסה פון דעם

קומט אויס, אַז אויב דער מענטש האָט פאַרלוירן זיין השתדלות, צום ביישפּיל, זיין 'באָס' האָט איהם אַוועקגעשיקט פון דער אַרבעט א.ד.ג., זאָל ער נישט טרויערן און קלאָגן אַזוי ווי די אידן האָבן געטרויערט נאָך דעם ווי זיי האָבן געמאַכט דעם 'עגל' ('ויתאבלו'), ווייל די פּרנסה וועט קומען פון דעם 'מקור' אַליין - דאָס הייסט, פון דעם אויבערשטען'ס האַנט, און עס איז דאָך נישט קיין נפקא מינה אויף וועלכן וועג דער אויבערשטער שיקט איהם זיין פּרנסה'.

**חג לה' מחר - דעם אויבערשטען'ס יו"ט ווען אַ איד האַלט זיך צוריק פון אַ עבירה**

**'ועשית** כיור נחושת' (ל, יח).

**ביי** אַלע כלים פונעם משכן, האָט די תורה אונז געגעבן אַ שיעור און אַ מאָס, ווי לאַנג און ברייט עס זאָל זיין, אויסער ביי דעם 'כיור', וואָס די תורה האָט נישט געגעבן ביי דעם אַ מאָס.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, מיט וואָס איז דער 'כיור' אַנדערש פון די אַנדערע כלים פון דעם משכן? אויך דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס ביי דעם 'כיור' וואָס שלמה המלך ע"ה האָט געמאַכט אין בית המקדש, איז יאָ געזאָגט געוואָרן אַ מאָס, אַזוי ווי דער פּסוק זאָגט (דה"ב ד, ב) 'ויעש את הים מוצק עשר באמה משפתו על שפתו', אָבער דער 'כיור' וואָס מ'האָט געמאַכט אין משכן, איז ביי דעם נישט געשריבן געוואָרן אין דער תורה אַ מאָס.

**ענטפערן** די חכמי המוסר, דער 'כיור' אינעם משכן, איז דאָך געמאַכט געוואָרן פון די שפּיגלען ('מראות הצובאות'), אַזוי ווי די ראשונים שרייבן (רמב"ן ואבן עזרא, פ' ויקהל) אַז די פרויען האָבן געגעבן זייערע שפּיגלען

---

אויבערשטען'ס אָפענע און פולע האַנט. דאָס איז נישט סתם 'דברי אגדה', אָדער חסידות... נאָר מיר געפינען אַזוי להלכה, ווי עס שרייבט דער 'שולחן ערוך הרב' (הלכות משא ומתן, סי' קנו, ס"ב) **אַז דער מענטש דאַרף האַנדלען ערליך, נישט צו טוישן זיינע ווערטער**, אַזוי ווי דער פּסוק זאָגט (ויקרא יט, לו) 'איפת צדק והין צדק יהיה לכם', און חז"ל זאָגן (ב"מ מט.) 'שיהיה הן שלך צדק ולאו שלך צדק'. יעדער מענטש וואָס האַלט נישט וואָרט, איז **גלייך ווי ער וואָלט געדינט די עבודה זרה**, ע"כ.

לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, פון וואו נעמט עס דער בעל התניא זי"ע, אַז דער וואָס זאָגט ליגן און ער האַלט נישט וואָרט צו העכערן די פרייזן א.ד.ג., ווערט עס גערעכנט ווי ער וואָלט געדינט עבודה זרה ח"ו, וואָס איז פון די האַרבסטע עבירות אין דער תורה?

איז דער תירוץ, אַז דער מענטש וואָס האַנדלט נישט ערליך, ווייזט דערמיט אַז ער גלייבט נישט אַז דער אויבערשטער טוט שפּייזן די גאַנצע וועלט. ער גלייבט נישט אַז די השתדלות וועט נישט העלפן איהם צו געבן מער געלט ווי ס'איז פאַר איהם באַשטימט געוואָרן אין הימל, אַפילו מיט אַ פּרוטה, ווייל אויב ער וואָלט געגלייבט דערין, וואָלט ער דאָך נישט עובר געווען אויף דעם איסור צו טוהן השתדלות, ווייל וואָס וועט ער שוין פאַרדינען אויב ער וועט אומזיסט עובר זיין אויפ'ן איסור. מוז בעל כרחך זיין, אַז עס פעלט איהם אמונה אין דעם באַשעפער, און צוליב דעם איז עס גלייך ווי ער וואָלט געדינט די עבודה זרה.

**ז.** אַ יונגערמאַן האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט פאַר זיין רבי'ן, אַז זיין פרוי האָט געהאַט אַרבעט ביי אַ איד, און פון דעם האָבן זיי געהאַט פּרנסה בהרחבה גדולה. יעצט האָט זי אָבער באַקומען אַ צעטל אַז זי ווערט אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט, 'ואני אנה אני בא'... פון וואו וועלן מיר נעמען ברויט פאַר די קינדער...

האָט דער רבי איהם געפרעגט: זאָג מיר, האָסטו אַ 'פאָסט-קעסטל', פאַרנט פון דיין הויז? דער יונגערמאַן האָט נישט פאַרשטאַנען די שאלה, ווייל עס האָט איהם אויסגעזעהן 'שלא ממין הטענה'. האָט ער אָבער מפני הכבוד פאַר'ן רבי'ן געענטפערט, 'יא, איך האָב אַ פאָסט-קעסטל'. האָט דער רבי איהם ווייטער געפרעגט, אויב ער באַקומט פון צייט צו צייט בריוו, א.ד.ג. האָט דער יונגערמאַן (וועלכער האָט נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען די שייכות פונעם 'פאָסט-קעסטל' מיט זיין צרה) געענטפערט אַז יאָ. האָט דער רבי איהם ווייטער געפרעגט, אויב ער איז באַקאַנט מיט דעם פאָסט-מאַן וואָס ברענגט איהם די בריוו. האָט דער יונגערמאַן געענטפערט, ניין, צוגעבנדיג, 'וואָס אינטערעסירט עס מיך, ווער עס ברענגט די פאָסט? דער עיקר איז דאָך, אַז די בריוו קומען אָן אויף אונזער אַדרעס'. האָט דער רבי געזאָגט צו דעם יונגערמאַן:

(וואָס זענען געווען געמאַכט פאַר אַן עבירה), און האָבן עס מקדיש געווען פאַר דעם אויבערשטען. [רבינו אברהם בן הרמב"ם איז מוסיף (אין זיין פירוש על התורה), אַז זיי האָבן גענומען אַ שטיין און עס געוואָרפן אויף דעם שפּיגל, און עס איז צעשמעטערט געוואָרן אויף פּיצלעך]. צוליב דעם האָט די תורה נישט געגעבן אַ מאָס ביי דעם 'כיור', ווייל יעדער 'משהו', וואָס דער מענטש צעברעכט זיין יצר הרע[ח], איז זייער חשוב[ט] ביי דעם אויבערשטען,

---

- אויב אַזוי, פאַרוואָס טוסטו זיך זיך קימערן אַזוי פיל מער וועגן דעם 'פּאָסט-מאַן', וואָס דאַרף דיר ברענגען דיין פרנסה, ווי אין דעם וואָס שיקט עס דיר - דער אויבערשטער בכבודו ובעצמו, וואָס ער שפּייזט די גאַנצע וועלט. וואָס איז דיר אַ חילוק, ווער עס וועט זיין דעם אויבערשטען'ס שליח, פון יעצט און ווייטער?

**ח.** אין דער היינטיגער פרשה (לב, ה) לייענען מיר: 'ויקרא אהרן ויאמר **חג לה' מחר**'. זאָגט רש"י, אהרן הכהן האָט געמיינט לשם שמים, ווייל ער איז געווען זיכער אַז משה רבינו ע"ה וועט צוריקקומען פון הימל און מ'וועט דינען דעם אויבערשטען.

דאַרף מען פאַרשטיין, אַפילו אויב משה וועט צוריקקומען און די אידן וועלן ווייטער דינען דעם אויבערשטען, וועט עס דאָך נאָך אַלץ זיין נאָר ווי איינער פון די 'געוועגליכע' טעג פונעם יאָר. פאַרוואָס האָט אהרן געזאָגט אַז עס וועט זיין אַ 'יום טוב' - 'חג לה' מחר'? [ס'איז באַקאַנט וואָס די תלמידים פונעם אריז"ל שרייבן, אַז 'מחר' - דער מאָרגנדיגער טאָג - איז געווען שבעה עשר בתמוז, און אויב די אידן וואָלטן נישט געזינדיגט, וואָלט די וועלט געהאַט איר גאַנצן תיקון, און שבעה עשר בתמוז וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יום טוב. און כאָטש עס האָט למעשה נישט אַזוי פאַסירט, וועט אָבער לעתיד לבוא זיין אַזוי, אַז דער טאָג וועט זיין אַ יום טוב פאַר דעם אויבערשטען].

האָבן מיר געהערט זאָגן אַ תירוץ, ווייל די ספרים הקדושים שרייבן, אַז **ווען אַ איד שטאַרקט זיך אויף זיין יצר הרע און ער שעכט איהם, איז דער טאָג אַזוי ווי אַ 'יום טוב'**, און דעמאָלס האָט דער יצר הרע זיך זייער געשטאַרקט אויפ'ן כלל ישראל, און אויב זיי וואָלטן בייגעשטאַנען דעם נסיון און איהם 'גע'שחט'ן', וואָלט באמת געווען אַ 'יום טוב' פאַר אַלע אידן - אַ יום טוב פון זיך שטאַרקן אויפ'ן יצר הרע...

די בעסטע הכנה פאַר דעם דאָזיגן 'יום טוב' איז דורך מאַכן גדרים און סייגים, אַז מ'זאָל זיך נישט קענען דערנענטערן חלילה צו אַן עבירה.

עס ווערט געברענגט אין ספר 'עזר בקודש' (פון הרה"ח רבי עזריאל גליק ז"ל, דער משמש בקודש פון הרה"ק מ'סאַטמאַר זי"ע), אַז ווען דער סאַטמאַרער רב איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין דער שטאָט קראָלי, איז ער אַרומגעגאַנגען איבערקוקן אַלע ענינים פון די קהילה, ווי כשרות, א.א.וו. ווען ער איז אָנגעקומען אין בית השחיטה, האָט ער געזעהן אַז אויסער דעם משגיח וואָס האָט אַ שליסל צום שעכט-הויז (כדי צו קענען אַריינקומען דאָרט ווען ער וויל נאָכקוקן די כשרות אויפ'ן אָרט) געפינט זיך נאָך אַ שליסל ביי דעם 'קצב'. פאַר'ן רבי'ן זי"ע איז דאָס געווען זייער נישט ניחא. ער האָט גע'טענה'ט אַז דער פאַקט אַז נאָך איינער האָט דעם שליסל צו די 'יאַטקע', ברענגט שוין אַ מכשול (כאָטש דער זיגל פון כשרות איז געווען נאָר אין די האַנט פונעם משגיח, אָבער פונדעסטוועגן, אַז עס איז דאָ נאָך אַ שליסל איז עס אַ טיר פאַר שטרויכלונגען, אַז מ'קען אַריינברענגען פלייש פון ערגעץ אַנדערש, א.א.וו.). דער רבי האָט מסביר געווען זיין שטעלונג, מיט אַ מעשה וואס האָט פאַסירט ביי איהם:

דער רבי זי"ע פלעגט באַזוכן פון צייט צו צייט אין דער שטאָט מוזשאי (ער האָט דאָרט געהאַט אַ כתב רבנות, וואָס ער האָט נישט ערפילט למעשה, נאָר ער פלעגט דאָרט באַזוכן פון צייט צו צייט, זיך אומצוקוקן אויף די שטאָט). איינמאָל ווען דער רבי איז אַהין געקומען אויף שבת, זענען אַריינגעקומען צו איהם עטליכע חשוב'ע בעלי בתים פונעם שטעטל, און געבעטן, אַז וויבאַלד דער רבי וועט דאָך קומענדיגן שבת אויפטרעטן מיט אַ דרשה אין ביהמ"ד, זאָל ער מעורר זיין וועגן דעם מכשול וואָס איז אונטערגעקומען אין שטאָט: אַ טייך לויפט אַדורך אינמיטן שטאָט, און עס זענען דאָ פאַרשידענע מכשולות מיט צניעות, מ'זעהט זאַכן וואָס מ'טאָר נישט זעהן א.א.וו. זיי האָבן דעריבער געבעטן אַז דער רבי זאָל זעהן מעורר צו זיין דעם עולם וועגן די פירצה.

האָט דער רבי זי"ע פּרובירט מברר זיין ביי עטליכע אידן אין שטאָט, וואָס עס קומט פאַר ביי יענעם טייך, און ער האָט באַקומען צוויי קעגנגעזעצטע ענטפערס: טייל פון די שטאָט-לייט האָבן געזאָגט, אַז עס איז טאַקע אַ מכשול און מ'דאַרף גאָר דרינגענד פאַרריכטן וואָס מ'קען אין דעם ענין. פון דער אַנדערער זייט זענען געווען אידן

וואס האבן געענטפערט, אז עס איז בכלל נישטא קיין מכשול ביי יענעם טייך. אדרבה, אלעס איז אויפ'ן בעסטן אופן... נאך מער - האבן זיי געזאגט - אויף איין ארט איז דער טייך זייער שמאל, און דארט האט מען איינגעפירט אפצוטיילן צווישן מענער און פרויען צוליב צניעות, און מ'האט עס אויסגעשטעלט אז איין זייט זאל זיין געאייגענט פאר'ן אדורכגאנג פון די מענער, און די אנדערע זייט - פאר די פרויען. דאס גאנצע ארט איז, אלזא, ריין פון א חשש פון 'תערובות'.

ווען דער רבי האט געזעהן אז ס'איז דא א פולשטענדיגע 'סתירה' צווישןביידע צדדים, האט ער באשלאסן אריבערצורופן צו זיך א פשוט'ן איד פון שטאט, וואס פארשטייט נישט קיין 'חכמות', און ער האט איהם געפרעגט וואס זיין מיינונג איז איבער דעם טייך. האט דער איד געזאגט:

- אויב מ'וויל באמת, קען מען זעהן וואס מ'טאר נישט זעהן, און אויב ס'איז דא א מעגליכקייט צו זעהן, וויל מען שוין קוקן... (דאס הייסט, אז מ'דארף באמת האבן א תיקון).

דער סאטמארער רב האט געמיינט צו זאגן בנוגע דעם שעכט-הויז אין קראלי, אז אויב עמיצער האט דעם שליסל צום שעכט-הויז, וואס גיט איהם די מעגליכקייט אריינצוקומען דארט, אויך ווען קיינער זעהט נישט וואס ער טוט דארט - האט ער ממילא א 'יצר הרע' אריינצוגיין. ממילא, דארף מען זעהן אז ער זאל נישט האבן א שליסל צום שעכט-הויז (און אזוי איז צום סוף געווען).

דער לימוד פאר אונז, בנוגע ווי מ'דארף זיך היטן מיט גדרים פון קדושה. אפט מאל זאגט דער מענטש, וואס ווילט איר פון מיר? פארוואס האלט איר צוריק פון מיר צו טוהן א געוויסן אקט, צו גיין אין יענעם ארט א.ד.ג., דאס ארט איז דאך 'כשר', אן יעדן חשש... אבער מ'דארף וויסן, אז אויב ס'איז דא א מצב וואו **ס'איז מעגליך** נכשל צו ווערן ח"ו, וועט דער יצר הרע שוין געפינען זיין וועג צו דיין הארץ, און דו וועסט שוין 'וועלן' נכשל ווערן חלילה... ממילא, **איז דער מענטש מחויב צו מאכן גדרים און סייגים, אז ער זאל בכלל נישט האבן א 'שליסל' אריינצוקומען וואו מ'טאר נישט אריינקומען... ער דארף 'פארמאכן די טיר' אויף אן אופן, אז ער זאל נישט קענען אריינקומען דארט.**

מורא'דיגע ווערטער געפינען מיר אין 'מושב זקנים' פון די בעלי התוספות ז"ל, אין דער היינטיגער סדרה (לב, יט). דער 'מושב זקנים' פרעגט, פארוואס האט משה רבינו ע"ה צעבראכן די לוחות? און כאטש די אידן זענען נישט געווען ראוי צו באקומען די לוחות (נאכ'ן מאכן דעם 'עגל'), אבער פונדעסטוועגן, פארוואס האט ער עס געטוהן בבזיון? ער האט דאך געקענט באהאלטן די לוחות אונטער דעם בארג, בדרך כבוד.

ענטפערט דער 'מושב זקנים', אין נאמען פון רבי יהודה החסיד ז"ל, אז צוליב דעם האט משה צובראכן די לוחות, ווייל זיי זענען געווען שווער פאר איהם צו האלטן אין האנט, האט ער זיי שנעל אראפגעווארפן פון זיינע הענט כדי צו גיין צו די אידן און זיי אפשטעלן פון דער שרעקליכער עבירה, ווייל אזוי לאנג ווי משה איז נישט געקומען צו די אידישע מחנה, האבן זיי געזינדיגט.

שרייבט רבי יהודה החסיד, אז פון דא לערנען מיר, **אז אויב א מענטש טראגט אויף זיינע הענט א ספר תורה און ער זעהט אז מענטשן האלטןביים טוהן אן עבירה, און ער קען זיי נישט צוריקהאלטן שנעל פון די עבירה צוליב די ספר תורה וואס ער האלט אין האנט - זאל ער ענדערש אראפווארפן די ספר תורה פון זיין האנט, כדי זיי צוריקצוהאלטן פון די עבירה**, עכ"ל.

אין אנדערע ווערטער, אז עס איז געווען כדאי פאר משה רבינו ע"ה צו צעברעכן די הייליגע לוחות, 'מעשה אלקים', כדי וואס שנעלער צו ראטעווען די אידן פון זינדיגן מיט'ן עגל, אפילו כדי זיי צו שפארן פון זינדיגן **אפילו איין סעקונדע!** פון דעם לערנען מיר טאקע אויך ווי שרעקליך ס'איז דער חטא, אויך פון דעם וואס ער האט ארויסגעלערנט פון דעם לגבי אראפווארפן די ספר תורה, ווייל דער דין איז אז ווען מ'זעהט א ספר תורה פאלן ח"ו דארף מען פאסטן, און פונדעסטוועגן, שרייבט דער 'מושב זקנים' פון רבי יהודה החסיד, אז **מ'זאל אפילו אראפווארפן א ספר תורה פון האנט כדי צוריקצוהאלטן א צווייטן איד פון אן עבירה.**

**ט.** ווען הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע, האט באזוכט אין ארץ ישראל, איז ער געווען דער 'בעל קורא' אין סלאנימער בית המדרש, כדרכו בקודש. ווען ער איז אנגעקומען צום פסוק 'ונתנו איש כופר נפשו לה'', האט ער מיט התלהבות געזאגט **'ונתנו איש כופר'**... דאן האט ער מפסיק געווען אביסל, און ער האט פארגעזעצט מיט א געשריי: **'נפשו לה''**. דער עולם האט פארשטאנען דעם רמז, אז דער 'כופר' וואס מ'פארלאנגט אין הימל פון יעדן איד צו

און אדרבה, וואס מער זיי וועלן ברענגען, וועלן זיי דערמיט גורם זיין פאַר דעם אויבערשטען אַ גרעסערן נחת רוח.

יעדעם מאָל וואָס אַ איד שטאַרקט זיך אויף זיין יצר הרע, איז זייער חשוב ביי דעם אויבערשטען.

---

געבן, איז 'נפשו לה"... ווייל **דער אויבערשטער פאַרלאַנגט פון יעדן איד צו געבן פאַר איהם זיין 'נפש', דאָס מיינט בלוט... ווייל 'הדם הוא הנפש'**, און דאָס וועט גורם זיין 'לכפר על נפשותיכם'...

**י.** דער באַרימטער גאון רבי יוסף ענגיל זצ"ל (מחבר פון 'בית האוצר', 'אתוון דאורייתא', און נאָך אַסאַך גאונ'ישע ספרים) איז אַמאָל געווען אויף שבת ביים סאָכאַטשאָווער רבי'ן, הרה"ק בעל 'אבני נזר' זי"ע. ביים טיש, האָט דער 'אבני נזר' מכבד געווען איינעם פון די חסידים צו זינגען אַ ניגון, און דערנאָך האָט ער געפרעגט דעם גאון רבי יוסף

## מן הבאר

די בעלי התוספות זאָגן ('מושב זקנים', פרשתינו), אויף די ווערטער פון חז"ל אַז משה האָט געהאַט שוועריגקייטן צו פאַרשטיין דעם מהות פונעם מחצית השקל, האָט דער אויבערשטער איהם געוויזן אַ מטבע של אש. איז שווער, פאַרוואָס איז געווען שווער פאַר משה צו פאַרשטיין די מצוה פון מחצית השקל, ער האָט דאָך געוואוסט אַז אַ שקל איז 20 'גרה'. ענטפערן די בעלי התוספות, אַז משה רבינו ע"ה האָט זיך געוואונדערט, **וואָס איז דען אַ מענטש ביכולת צו געבן אַלס 'כופר' פאַר זיין נפש**, האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו משה, **זיי זאָלן געבן אַ 'קליינינקייט', און זיי וועלן האָבן אַ כפּרה פאַר זייער נפש.**

דאָס מיינט, משה רבינו ע"ה האָט נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי וועלן די אידן קענען האָבן אַ כפּרה פאַר אַזעלכע שרעקליכע זינד (ווי דער עגל). אויף דעם האָט דער אויבערשטער איהם געענטפערט, אַז **מ'קען איבערבעטן און 'אָפּקויפן' דעם אויבערשטען כביכול מיט יעדע קליינע 'התגברות' אויפ'ן יצר הרע.**

ענליך האָט געטייטשט הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע, אַז דער אויבערשטער האָט איהם געוויזן אַ 'מטבע של אש'. דאָס הייסט, אַ מטבע וואָס האָט אין זיך **דעם 'פייער' פונעם יצר הרע, וואָס שטאַרקט זיך אויפ'ן מענטש** און פּרובירט איהם איינרעדן אַז ער זאָל נישט געבן אַפילו אַזאַ קליינע מטבע, און **דער נצחון אויפ'ן יצר הרע, וועט זיין די כפּרה אויף אייערע זינד.**

ענגיל, אויב ער האָט אַ באַגריפן אין די 'חכמת הנגינה'. האָט רבי יוסף ענגיל געענטפערט אַז ניין, ער פאַרשטייט נישט דערצו. האָט דער 'אבני נזר' איהם געזאָגט, אַז לויט דעם ניגון קען מען דערקענען אויב דער וואָס זינגט דעם ניגון, האָט יענעם טאָג שוין געלערנט אַ בלאַט גמרא.

ווען דער חסיד וואָס האָט געזינגען דעם ניגון האָט געהערט וואָס דער רבי, דער 'אבני נזר', האָט געזאָגט צו רבי יוסף ענגיל, האָט ער פאַרשטאַנען אַז דער רבי האָט דערמיט געמיינט איהם מרמז צו זיין, אַז ער האָט דערקענט אויף איהם אַז ער האָט יענעם טאָג נאָך נישט געלערנט אַ בלאַט גמרא... איז ער אַריינגעגאַנגען צום 'אבני נזר', און זיך פאַרענטפערט, אַז וויבאַלד ער איז יעצט זייער טרוד איבער אַ געוויסן ענין, איז ער נישט געווען אימשטאַנד צו לערנען היינט אַ שיעור בעמקות ובעיון, און צוליב דעם האָט ער זיך ענדערש אינגאַנצן נישט געזעצט לערנען, ווייל 'דאָ' (מיינענדיג, ביים 'אבני נזר') האָט מען דאָך אויסגעלערנט דעם עולם די חשיבות פון לערנען בעיון און מיט עמקות (ווי ס'איז באַקאַנט דאָס עמקות פונעם 'אבני נזר'), און וואָס פאַר אַ ווערד האָט דאָס לערנען אָן עיון... האָט דער 'אבני נזר' איהם געזאָגט:

- **ס'איז בעסער צו זיין אַ 'פּשוט'ער תלמיד חכם', ווי אַ גאונ'ישער עם הארץ...**

דער 'אבני נזר' האָט מסתמא געמיינט צו זאָגן, אַוודאי איז וויכטיג צו לערנען בעיון, אָבער אויב מ'קען אַמאָל נישט לערנען אַ שיעור בעיון, איז בעסער צו לערנען אַ 'פּשוט'ן' שיעור אין 'בקיאות', איידער אינגאַנצן נישט צו לערנען...

דאָס איז גילטיג אין אַלע ענינים, אַוודאי דאַרף מען זעהן צו זיין אַ 'צדיק גמור' בתכלית, אָבער אויב מ'האַלט נאָך נישט ביי די דאָזיגע מדריגה, **זאָל מען כאָטש טוהן אַלעס וואָס מ'קען צו זיין אַ ירא שמים**, און שטאַרקן זיך אויפ'ן יצר הרע.

ביי דעם מירער ראש ישיבה, הגאון רבי נתן צבי פינקל זצ"ל, האָט אַמאָל פּאַסירט אַ שרעקליכע זאַך: ווי באַקאַנט, האָט רבי נתן צבי ליידער געליטן יאָרן פון די ביטערע 'פּאַרקינסאָן' מחלה, און פונדעסטוועגן, איז ער אַרומגעפאָרן

זוי ווייט עס דערגרייכט דער שכר פון דעם מענטש   זיינע נאַטורן פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא, קען
וואָס שטאַרקט זיך אויף זיין יצר, און צעברעכט   מען זעהן פון די פסוקים אין דער היינטיגער סדרה (לב,

---

איבער דער וועלט מיט מסירות נפש, בייצושטייערן אידן נדיבי עם פאַר די ישיבה. אויך האָט ער אָנגעהאַלטן מיט מסירות נפש, דאָס פאָרלערנען די שיעורים אין היכל הישיבה.

איינמאָל איז ער געקומען אין היכל הישיבה פאָרצולערנען אַ שיעור, אָבער עס האָבן איהם ליידער אַרומגענומען שווערע יסורים רח"ל און ער האָט בשום אופן נישט געקענט אַרויסזאָגן אַפילו אַ וואָרט פון מויל. מיט אומנאַטירליכע כוחות האָט ער פרובירט אַרויסצוזאָגן די ווערטער פון מויל, אָבער עס זענען אַרויסגעקומען נאָר 'צובראָכענע' ווערטער, און אַזוי האָט ער פרובירט עטליכע מאָל, ביז ער איז צום סוף געווען געצוואונגען מוותר צו זיין אויפ'ן שיעור. ער האָט נאָר געבעטען מ'זאָל איהם ברענגען אַ שטיקל פּאַפּיר מיט אַ פעדער, און ער האָט אויפגעשריבן אויפ'ן צעטל איין וואָרט: **ניסיתי' - איך האָב פרובירט...**

## מן הבאר

דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע, האָט אַמאָל געפרעגט זיין תלמיד, דעם גאון רבי שמעון שוואַב זצ"ל, אויב ער איז אַ 'כהן'. האָט רבי שמעון שוואַב געענטפערט ניין. האָט דער 'חפץ חיים' איהם ווייטער געפרעגט, אויב ער איז אַ 'לוי', און אויך אויף דעם האָט רבי שמעון געענטפערט אַז ניין, נאָר ער איז אַ 'ישראל'. האט דער 'חפץ חיים' איהם געזאָגט:

- עס טוט מיר באַנג פאַר דיר. אָט וועט אָנקומען משיח צדקינו אויסלייזן אידישע קינדער פון גלות, און ער וועט אויפבויען דעם בית המקדש במהרה בימינו, און דו וועסט נישט זוכה זיין צו טוהן די עבודה אין בית המקדש. און נאָך מער, עס זענען דאָ ערטער וואָס דו וועסט נישט קענען דאָרט אַהין אַריינגיין.

דערנאָך האָט דער 'חפץ חיים' איהם געזאָגט:

- **פאַרוואָס טאַקע, ביזטו נישט אַ כהן?** ווייל דיין טאַטע איז נישט געווען אַ כהן. פאַרוואָס איז דיין טאַטע נישט אַ כהן, ווייל זיין טאַטע איז נישט געווען אַ כהן, און אַזוי העכער און העכער. דאַקעגן, **פאַרוואָס בין איך יאָ אַ כהן?** ווייל מיין טאַטע איז געווען אַ כהן, און אַזוי העכער און העכער. **וואָס איז דער חילוק צווישן מיינע זיידעס, און דיינע זיידעס?** ווייל ווען משה רבינו ע"ה האָט געזאָגט 'מי לה' אלי' (פרשתינו לב, כו), **איז מיין זיידע צוגעשפּרינגען און זיך אָנגעשלאָסן מיט משה אויסצוראטן די בעלי עבירה, אָבער דיין זיידע איז געבליבן שטיין אין אַ זייט און האָט זיך נישט אָנגעשלאָסן אין משה'ס חבורה צו הרג'ענען די וואָס האָבן געמאַכט דעם עגל.** וועגן דעם האָט מיין זיידע זוכה געווען אַז ער און זיינע קינדער און אייניקלעך, און אור-אייניקלעך עד סוף כל הדורות, זאָלן זיין צווישן די כהנים משרתי ה', אָבער דיין זיידע האָט שאָדן געהאַט און אויך גורם געווען אַ שאָדן **פאַר זיך און פאַר זיינע קינדער נאָך זיך** דעם גרויסן זכות צו זיין הייליג 'בקדושתו של אהרן'.

און דער 'חפץ חיים' האָט אויסגעפירט:

- פון דעם קענסטו זיך לערנען, **אַז יעדעס מאָל ווען מ'הערט אויסרופן 'מי לה' אלי', דאַרף מען לויפן כדי זוכה צו זיין געציילט צו ווערן צווישן די עושי מצוה...**

לענינינו, ווען עס קומט אונטער פאַר דעם מענטש אַ נסיון, דאַרף ער זיך מתבונן זיין אין דעם, אַז אויב ער וועט זיך האַלטן פעסט קעגן דעם יצר הרע, וועט ער דורך דעם זוכה זיין צו טובות און ברכות אָן אַ גרעניץ און אַ סוף, פאַר זיך און פאַר זיינע קינדער לדורות עולם, אָבער אויב ער וועט פאָלגן דעם יצר הרע, קען ער חלילה קאַליע מאַכן פאַר זיך און אַלע זיינע שפּעטערדיגע דורות...

דאָס איז מסתמא געווען דער גרעסטער און וויכטיגסטער 'שיעור כללי' וואָס רבי נתן צבי האָט אַמאָל געהאַלטן אין ישיבה... אויסצולערנען די תלמידים, ווי **מ'דאַרף קעמפן אַזוי ווי אַ לייב צו טוהן אַלעס מעגליכעס, אַז מ'זאָל כאָטש קענען זאָגן 'איך האָב פרובירט'...**

כו-כט), ווי עס ווערט דערציילט אַז נאָך די מעשה פונעם עגל האָבן אידישע קינדער געהרג'ט די אַלע וועלכע האָבן געדינט דעם עגל.

**טייטשט** דער נצי"ב זצ"ל, אין זיין פירוש 'העמק דבר', אַז ס'איז אַרויסגעקומען אַ מורא'דיגע תועלת פון דעם וואונדערליכן אַקט צו הרג'ענען איינער דעם אַנדערן, אַז דורך דעם זענען אידישע קינדער געווארן ראוי מ'זאָל זיי געבן די ברכה, ווייל דורך דעם וואָס זיי האָבן געטוהן אַ זאַך וואָס איז העכער פון די מענטשליכע נאַטור (ווייל מסכים צו זיין צו הרג'ענען אַ ברודער אָדער אַ קרוב, פאָדערט זיך דערויף אַסאַך מסירות נפש). אַזוי וועט זיין די השגחה פרטית אויף אידן למעלה מדרך הטבע, עכ"ל.

**דאָס** מיינט, אַז אַ איד וואָס טוט ביישטיין אַ נסיון אויף אַן אופן וואָס איז למעלה מדרך הטבע, טוישט מען פון הימל די הנהגה מיט איהם, אַז עס זאָל אויך זיין העכער פון טבע.

**[ס'איז** באַקאַנט וואָס עס שרייבט הרה"ק בעל 'בני יששכר' זי"ע, אין זיין הייליגן ספר 'אגרא דפרקא', (אות כד) אין נאָמען פון הרה"ק רבי מיכל'ע זלאָטשובער זי"ע, אַז ווען אַ איד וויל פועל'ן אַ ישועה העכער פון די טבע, דאָס הייסט, אויב לויט'ן דרך הטבע קען ער ח"ו נישט האָבן קיין קינדער, זאָל ער טוהן אַ מצוה וואָס איז העכער פון טבע, און אַזוי וועט ער פועל'ן אַ ישועה העכער פון די טבע, עכ"ל].

**אויך** טייטשט דער נצי"ב, די ווערטער פון משה רבינו ע"ה צו די אידן, 'מלאו ידכם היום לה''. די דאָזיגע פעולה וואָס איז היפוך פון די מענטשליכע טבע (צו הרג'ענען אַ ברודער אָדער אַ פריינט וואָס האָט געדינט דעם עגל) האָט גורם געווען אַז די אידן זאָלן פון דעמאָלס און ווייטער, טוהן אַלעס נאָר פאַר דעם אויבערשטען - אַ זאַך וואָס איז נישט געווען לייכט פאַר זיי ביז דעמאָלס. דאָס הייסט, איינער וואָס שטאַרקט זיך איינמאָל און ער טוט 'אַראָפּרייסן' פון זיך, בכדי צו טוהן דעם רצון פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, איז זוכה אַז פון דעמאָלטס און ווייטער וועט פאַר איהם זיין לייכטער אין אַנדערע פאַלן, זיך צו שטאַרקן אויף זיין יצר הרע.

**אויך** קען מען לערנען פון דעם פסוק אין דער דער היינטיגער פרשה (לא, ב) 'ראה קראתי בשם בצלאל בן אורי בן חור' וגו'. זאָגן חז"ל (שמ"ר פמ"ח, א) אַז ווען די אידן האָבן געוואָלט מאַכן דעם עגל, האָט חור געהאַט מסירות נפש פאַר דעם אויבערשטען. ער האָט זיי געשטערט צו מאַכן דעם עגל, און זיי האָבן איהם אומגעברענגט. האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו חור: איך שווער ביי דיין לעבן, אַז איך וועל דיר באַצאָלן וכו'. אַלע קינדער וואָס וועלן אַרויסקומען פון דיר, וועל איך זיי גרויס מאַכן און געבן זיי אַ גוטן נאָמען אויף דער וועלט.

**זעהען** מיר פון דעם אַז זוען אַ איד האָט מסירות נפש צו קעמפן פאַר דעם אויבערשטען, איז זוכה צו ערליכע קינדער צדיקים, און פונקט אַזוי ווי דאָס מסירות נפש פון חור איז בייגעשטאַנען פאַר זיין אייניקל, בצלאל, צו קענען בויען דעם משכן און זוכה זיין צו אַלע הויכע מדריגות, און אַזוי געפינען מיר אויך אין חז"ל (שמ"ר פ"מ, א) אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט, אויב דו וועסט זיך אָפּשיידן פון שלעכטס, וועל איך אויפשטעלן פון דיר קינדער וואָס פאַרשטייען די תורה. דורך דעם וואָס מרים האָט זיך אָפּגעטוהן פון שלעכטס (ווי די מפרשים אויפ'ן מדרש שרייבן, אַז זי איז אַנטלאָפן פון אַן עבירה. זי האָט נישט געפאָלגט דעם באַפעל צו הרג'ענען דעם ניי-געבוירענעם קינד), האָט דער אויבערשטער איר געגעבן שכר אַז פון איר איז אַרויסגעקומען בצלאל, בן אורי בן חור, און ער האָט זוכה געווען צו חכמה און בינה, ווי דער פסוק זאָגט (שם לא, ג) 'ואמלא אותו רוח אלוקים בחכמה ובתבונה ובדעת'. נו, וועלכער מענטש וויל דען נישט זוכה זיין צו האָבן קינדער און אייניקלעך חכמים ונבונים, יראי אלוקים, אנשי אמת, וואָס זענען דבוק אין דעם אויבערשטען...

### בדבר המלך - קוקנדיג צוריקוועגס פאַרשטייט מען אַז אַלעס איז בלויז דיך צו העלפן

**צדיקים** האָבן געזאָגט, אַז דאָס וואָרט 'מגילה' איז פון לשון קאָלערן, אַזוי ווי 'גול אל ה' יפלטהו' (תהלים כב, ט), וואָס מיינט, צו 'קאָלערן' און אַרויפוואַרפן זיין גאַנצן 'פעקל' אויף דעם אויבערשטען, און דאַן איז מען זוכה צו די ישועה.

**דאָס** איז אַ גרויסער עיקר אין לייענען די מגילה, צו פאַרשטיין אַז דער אויבערשטער זיצט אויף זיין כסא מלוכה אין הימל און האַלט זיין השגחה פרטית

אויף אַלע מענטשן, און ער פירט די וועלט מיט חסד און רחמים.

**דער** מונקאטשער רב, הרה"ק בעל 'מנחת אלעזר' זי"ע, טייטשט די ווערטער פון די משנה (מגילה יז.) 'הקורא את המגילה למפרע לא יצא'. 'למפרע' קען מען טייטשן פון לשון 'פרעון' - באַצאָלן. איינער וואָס לייענט די מגילה בלויז כדי צו 'באַצאָלן' זיין חוב און אַראָפּנעמען פון זיך אַ 'יאָך', האָט ער נישט יוצא געווען די מצוה פון מגילה-לייענען, ווייל דער עיקר ציל פון לייענען די מגילה איז, מ'זאל זיך מתבונן זיין אין דעם וואָס שטייט דערין און אין די חסדים וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט אידישע קינדער, מיט אַ גענויע השגחה פרטית, און נאָר אַזוי איז דער מענטש מקיים זיין חיוב (און די גמרא דאָרט אין מסכת מגילה, ברענגט אַ ברייתא אַז די זעלבע הלכה איז ביי זאָגן הלל, און ביי קריאת שמע, און ביי תפילה, ווייל אויך ביי זיי איז דער עיקר עס צו זאָגן מיט כוונה, 'רחמנא ליבא בעי').

**די** גמרא (חולין קלט:) זאָגט, וואו ווערט המן דערמאַנט אין די תורה? און די גמרא ענטפערט, פון פסוק (בראשית ג, יא) 'המן העץ' [וואָס דער אויבערשטער האָט באַפוילן אדם הראשון נישט צו עסן, האָט ער יאָ געגעסן]. דאַרף מען פאַרשטיין די שייכות פון המן צום חטא פונעם 'עץ הדעת'.

**ענטפערט** דער 'דרך פיקודיך' (מצות לא תעשה יא), ווייל דער חטא פונעם עץ הדעת איז געווען דאָס וואָס אדם הראשון און חוה האָבן געוואָלט וויסן און פאַרשטיין אַלעם אויף דער וועלט, און רש"י זאָגט אויפ'ן פסוק (בראשית ג, ו) 'ותרא האשה כי טוב העץ למאכל', 'ראתה דבריו של נחש'. דאָס מיינט, זי האָט געגליסט צו פאַרשטיין פאַרוואָס דער אויבערשטער טוט אַזוי און אַזוי. דאָס איז אָבער קעגן דעם רצון ה', וואָס ער וויל אַז מ'זאָל אָנגיין מיט תמימות און טוהן זיין רצון אָן זיך איבערקלערן. מ'זאָל ענטפערן פאַר דעם יצר הרע, דעם 'נחש הקדמוני', מיט אַ קלאָרע שפּראַך: 'לאו' - אָן אַ טעם און סיבה"[יא]!

**ווען** די אידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, האָט דער אויבערשטער זיי טאַקע געלויבט מיט אַט די גוטע מדה פון אמונה שלימה אין באַשעפער, ווי דער נביא זאָגט (ירמיה ב, ב) 'לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה', זיי האָבן נישט נאָכגעקלערט נאָך דעם אויבערשטען צו פרעגן וואָס זיי וועלן עסן און טרינקען אין אַ טרוקענעם מדבר - 'ארץ ציה וערבה'.

**צוליב** דעם האָבן די אידן זוכה געווען אַז די 'זוהמא' האָט זיך אָפּגעטוהן פון זיי ביי מתן תורה (שבת קמו.), און זיי זענען צוריק געוואָרן אַזוי ווי אדם הראשון פאַר'ן חטא. דאַן איז אָבער געקומען עמלק מיט זיין קליפּה פון טומאה און אַריינגעברענגט 'קאַלטקייט' אין אידישע הערצער, צו לייקענען אין השגחה פרטית עפ"ל, און אַז די וועלט פירט זיך מיט'ן דרך הטבע, און עס איז חלילה נישט דאָ קיין מנהיג אויף דער וועלט.

**אויך** איז דאָס געבורט פון המן הרשע נגרם געוואָרן דורך שאול המלך ע"ה [און כאָטש מיר האָבן נישט קיין השגה אין די גרויסקייט פון שאול המלך, וואָס חז"ל זאָגן וועגן איהם (יומא כב:) 'בן שנה שאול

---

**יא.** אַ איד האָט זיך אויסגערעדט פון האַרצן פאַר הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, אַז איינער נעמט איהם צו זיין פרנסה. רעדנדיג מיט הרה"ק רבי שלמה'קע, האָט דער איד דערציילט פאַר'ן רבי'ן אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט ביי איינע פון די גרויסע תלמידים פון בעל שם טוב הקדוש זי"ע, אַז ער האָט גענומען אַ שטיקל האָלץ און עס אַריינגעוואָרפן אין וואַסער, און עס האָט פּאַסירט אַ נס און עס זענען דאָרט געוואַקסן גראָזן און בלומען.

ווען הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע האָט געהערט די מעשה פון דעם איד, האָט ער איהם געזאָגט:

- ס'זענען דאָ זאַכן וואָס דער מענטש איז מחויב צו גלייבן, און ס'זענען דאָ זאַכן וואָס מ'איז נישט מחויב צו גלייבן. עס זענען דאָ זאַכן, וואָס אויב מ'וועט זיי נישט גלייבן איז מען אין גדר פון אַן אַפּיקורס, און עס זענען דאָ זאַכן, וואָס אפי' אויב מ'גלייבט עס נישט, איז מען נאָך נישט אַן אפיקורס. אָט-די מעשה וואָס דו האָסט מיר יעצט דערציילט וועגן יענעם צדיק, בין איך נישט באמת מחויב עס צו גלייבן, אָבער **דאָס אַז יענער קען נישט אַוועקנעמען פון דיר דיין פרנסה, איז אַ חיוב גמור צו גלייבן, און דער וואָס גלייבט נישט אין דעם, איז אַן אפיקורס!**

און הרה"ק רבי שלמה'קע האָט אויסגעפירט:

- דו ביזט דאָך אַ חסיד'ישער איד. וויסן זאָלסטו, **אַז דער הויפּט-יסוד פון חסידות איז, אַריינצובויערן אמונה אין האַרץ!**

במלכו', האָט רב הונא געזאָגט, אַז שאול המלך האָט קיינמאָל נישט געזינדיגט, און ער איז געווען אַזוי ווי אַ ניי געבוירן קינד וואָס האָט נאָך נישט טועם געווען דעם טעם פון אַ חטא, פונדעסטוועגן 'תורה היא וללמוד אני צריך']. דאָס איז געקומען דורך דעם וואָס שאול האָט געמאַכט אַ 'חשבון' (יומא כב:), ער האָט געמאַכט אַ 'קל וחומר', מה דאָך ווען איין מענטש ווערט גע'הרג'עט ח"ו האָט די תורה באַפוילן צו ברענגען אַן 'עגלה ערופה', איז דאָך אַוודאי די אַלע מענטשן פון אגג, און דאָס האָט גורם געווען אַז ער האָט נישט גע'הרג'עט אגג, וואָס פון איהם איז אַרויסגעקומען המן הרשע.

**דער** אמת איז אָבער, אַז דער אויבערשטער וויל אַז מ'זאָל אָננעמען זיינע ווערטער מיט תמימות, און עס פולשטענדיג מקיים זיין אָן צו פאַרשטיין דעם טעם, אַזוי ווי חז"ל זאָגן, אַז עס איז אַרויס אַ 'בת קול' פון הימל און געזאָגט צו שאול המלך: 'אל תהי צדיק הרבה'.

**ממילא**, איז שוין פאַרשטענדליך דער קשר צווישן דעם חטא פונעם 'עץ הדעת' און המן הרשע, ווייל ביי ביידע פון זיי, האָט געפעלט די מדה פון תמימות.

**און** צוליב דעם האָבן חז"ל מתקן געווען מ'זאָל טרינקען אין פורים וויין 'עד דלא ידע', כדי בטל צו מאַכן די קרומקייט פון האַרץ, ווייל דער תיקון פאַר דעם חטא איז צו גיין 'מיט'ן קאָפּ אין וואַנט', אָן דעם וואָס מ'זאָל עפּעס פאַרשטיין, נאָר מקיים צו זיין די מצוות פון דעם אויבערשטען מיט תמימות און אָן זיך איבערקליגן, און דאָס איז דער ריכטיגער 'עול מלכות שמים'[יב].

---

**יב.** דער נס פון פורים, איז געווען אַנדערש פון די אַנדערע ישועות און ניסים צו וועלכע אידן האָבן זוכה געווען חוץ לדרך הטבע [ווי יציאת מצרים, דער נס חנוכה, און ענליכע ניסים], ווייל פורים זענען אידן געראַטעוועט געוואָרן דורך פאַרשידענע סיבות לויט'ן דרך הטבע.

צום ביישפיל, ווען ושתי האָט געענטפערט חוצפה'דיג פאַר'ן קעניג אחשוורוש, איז געווען פאַרשטענדליך אַז מ'זאָל איר הרג'ענען ווייל אַזוי איז דאָך די סדר ביי די קעניגן, אַז אַ 'מורד במלכות' איז חייב מיתה, און וויבאַלד אסתר האָט שפּעטער איבערגענומען דאָס אָרט פון ושתי, איז געווען מעגליך פאַר אסתר צו ראַטעווען כלל ישראל, ווייל עס איז אַזוי דער שטייגער פון דער וועלט, אַז אַ מאַן פּרובירט צופרידנשטעלן זיין ווייב און ער וועט נישט לאָזן אירע שונאים פאַרלענדן איר פאָלק. אויך דאָס וואָס אחשוורוש האָט שפּעטער גרויס געמאַכט מרדכי'ן, איז געווען ווייל ער האָט געראַטעוועט זיין לעבן פון דעם פּלאַן פון בגתן ותרש, וואָס האָבן געוואָלט הרג'ענען דעם קעניג אחשוורוש. איז דאָך אויך דאָס געווען פון דרך הטבע. קומט אויס, אַז דער גאַנצער נס איז געווען איינגעהילט אין דער נאַטור פון דער וועלט.

לויט דעם, זאָגט דער הייליגער 'קדושת לוי' זי"ע (קדושה ראשונה) אַ טעם פאַרוואָס עס ווערט נישט דערמאָנט דער נאָמען פון דעם אויבערשטען אין מגילת אסתר, ווייל די גאַנצע הנהגה פון באַשעפער איז געווען באַהאַלטן און צוגעדעקט. **אָבער ווען דער מענטש איז זיך מתבונן דערמיט פאַרשטייט ער דאָך 'צווישן די שורות', אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער וואָס ער פירט די גאַנצע וועלט.** 'הוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים'.

### מן הבאר

הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט, ווען מ'האָט גע'הרג'עט ושתי, איז אַ איד אַריינגעקומען אין שול און דערציילט פאַר די לומדים אַז דער קעניג אחשוורוש האָט גע'הרג'עט ושתי, און עס איז מסתבר אַז אַסאַך מענטשן האָבן איהם אָנגעשריגן פאַרוואָס ער רעדט דברים בטלים אין ביהמ"ד. אויך שפּעטער, ווען אסתר איז געוואָרן די קעניגין, זענען געווען פון די 'בני עליה' אין שול וואָס עס האָט זיי אינגאַנצן נישט אינטערעסירט, און וועגן די מעשה פון בגתן ותרש האָבן זיי מסתמא בכלל נישט געהערט. אָבער אין דער נאַכט ווען דער קעניג האָט נישט געקענט שלאָפן - 'בלילה ההוא נדדה שנת המלך' - האָט אָנגעהויבן קלאָר ווערן אַלע פּאַסירונגען, אַז דער אויבערשטער מיט זיין גרויסן חסד האָט מקדים געווען די אַלע פּאַסירונגען פאַר די ישועה פון אידישע קינדער, אויף אַן אופן וואָס איז געווען איינגעהילט אין די טבע, און וועגן דעם האָבן די מלאכים געדאַרפט אויפרודערן וועלטן אין הימל, אַז מ'זאָל הרג'ענע ושתי (ווי די גמרא זאָגט אין מגילה דף יב:), ווייל דאַן האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער נס.

**דער** גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע שרייבט (תורת משה, פרשתינו) אַז מ'זעהט אַסאַך זאַכן - 'סיבות מסיבות שונות' - וואָס קומען פאָר אויף דער וועלט, און בשעת מעשה וואונדערן מיר זיך פאַרוואָס האָט עס דער אויבערשטער געמאַכט, אָבער מיט דער צייט פאַרשטייט מען צוריקוועגס אַז אַלעס איז געווען אַ הכנה כדי מ'זאָל טוהן אַזאַ גרויסע זאַך, אַזוי ווי ס'איז געווען ביי דעם נס פון פורים, אַז ושתי איז גע'הרג'עט געוואָרן, און אסתר איז גענומען געוואָרן אין קעניגליכן פּאַלאַץ, און אַלע אַנדערע סיבות וואָס האָבן צוגעפירט צו דעם נס, און אַלעס איז געווען אַ הכנה פאַר די הצלה פון כלל ישראל, אָבער פריער פאַרשטייען מיר גאָרנישט[יג] [דאָס מיינט, אין די צייט פון אַ צרה ל"ע איז שווער פאַר דעם מענטש צו פאַרשטיין פאַרוואָס דער אויבערשטער ברענגט אויף איהם יסורים], נאָר מיר פאַרשטייען בלי שום ספק אַז עס איז נישט אומזיסט, נאָר דער אויבערשטער האָט זיינע פאַרהוילענע טעמים פאַר אַלע פּאַסירונגען. אט די אמונה איז אַ גרויסע טובה פאַר אונז, ווייל מיר באַקומען שכר אויף די אמונה וואָס דער מענטש שטאַרקט זיך מיט אמונה ווען ער פאַרשטייט נישט אַלעס וואָס קומט פאָר.

לויט דעם, טייטשט דער 'חתם סופר' דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (לג, כג) "וראית את אחורי ופני לא יראו". מ'זעהט און מ'פאַרשטייט די הנהגה פון דעם אויבערשטען נאָר 'אחורי' - שפּעטער, לאחר המעשה, אָבער 'ופני' - בשעת מעשה - 'לא יראו' - פאַרשטייט מען נישט די הנהגה פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, פאַרוואָס ער טוט אַזוי צופירן.

**דאָס** איז מרומז אין די ערשטע משנה אין מסכתא מגילה (ב.) 'מגילה נקראת בי"א בי"ב בי"ג בי"ד בט"ו, לא פחות ולא יותר'[יד]. פרעגט דער 'טורי אבן',

---

**יג.** אויף אַן אַנדער אָרט שרייבט דער 'חתם סופר' זצ"ל, אַז אַלעס האָט זיך געפירט **פאַרקערט ווי דער אָריגינעלער פּלאַן**, פון אָנהייב ביז'ן סוף, ווייל חז"ל זאָגן (תרגום אסתר ה, א) אַז 'ממוכן', וואָס ער איז געווען המן הרשע, האָט גע'עצה'ט אחשוורוש'ן צו הרג'ענען ושתי ווייל ער האָט געוואָלט אַז זיין טאָכטער זאָל ווערן די מלכה אנשטאט ושתי און אַזוי וועט ער, המן, גרויס ווערן. פאַקטיש, אָבער, איז אסתר געוואָרן די קעניגין און זי האָט צום סוף גורם געווען המן'ס מפּלה. אויך בגתן ותרש האָבן געוואָלט הרג'ענען אחשוורוש'ן, און צום סוף זענען זיי גע'הרג'עט געוואָרן און אויפגעהאָנגען געוואָרן אנשטאט איהם.

אויך שפּעטער, ביים אָנהייב פונעם נס, ווען המן איז געקומען זאָגן דעם קעניג אַז מ'זאָל אויפהענגען מרדכי'ן, האָט ער דווקא אין יענע מינוטן אויסגעפונען אַז ער דאַרף נעמען די קעניגליכע קליידער און דעם קעניגליכן פערד און אַרומפירן מרדכי'ן איבער די גאַסן פון שושן הבירה און אויסרופן פאַר איהם 'ככה יעשה לאיש אשר המלך חפץ ביקרו'.

נאָך מער, ווען המן איז איינגעלאַדן געוואָרן צו די צווייטע סעודה פון אסתר המלכה, איז ער געווען 'ברום המעלה', ממש די העכסטע מינוטן אין זיין לעבן, אַז נאָר ער איז גערופן געוואָרן צו עסן ביי די סעודה מיט'ן קעניג און די קעניגין, און דווקא ביי יענע סעודה האָט ער געליטן זיין מפּלה צו פאַלן 'לעומקא דתהומא רבא'.

ועל כולם: 'ונהפוך הוא אשר ישלטו היהודים המה בשונאיהם', אַז דייקא פון די גזירה פון 'להשמיד ולהרוג ולאבד', זענען די אידן אויפגעשטאַנען צו הרג'ענען זייערע פיינט. (דרשות חתם סופר, ח"א, דף לב., ד"ה 'כתיב')

**יד.** אַ יונגער עילוי האָט אַמאָל באַגעגנט אַן אייניקל פון ווילנער גאון זצ"ל, און שמועסנדיג, האָט דער עילוי געבעטן דעם גאון'ס אייניקל ער זאָל איהם אָפּמשל'ען די גאונות אין תורה פון זיין זיידן דעם גר"א.

האָט דעם ווילנער גאון'ס אייניקל דערציילט, אַז ווען זיין זיידע דער גר"א איז געווען אַ קינד, האָט איינער איהם געפרעגט פאַרוואָס דער תנא אין דער משנה אין מסכת מגילה רעכנט אויס די טעג ווען מ'לייענט די מגילה, און דערנאָך גיט ער צו די ווערטער '**לא פחות ולא יותר**', אָבער אין מסכת שבת (דף קלז.) ווען דער תנא רעכנט אויס וויפיל טעג אַלט אַ קינד דאַרף זיין אַז מ'זאָל איהם שוין קענען מלען, זאָגט ער 'לשמונה, לתשעה, ולעשרה, ולאחד עשר, ולשנים עשר'. פאַרוואָס פירט דער תנא נישט אויס אַזוי ווי אין מסכתא מגילה, 'לא פחות ולא יותר'?

נאָך איידער דעם גאון'ס אייניקל האָט באַוויזן צו זאָגן דעם תירוץ וואָס זיין זיידע האָט געגעבן אַלס קינד, האָט יענער עילוי זיך אָנגערופן מיט אַ תירוץ על דרך הפּלפּול. האָט דעם גאון'ס אייניקל איהם געזאָגט: 'מיין זיידע איז דעמאָלס נאָך געווען אַ יונג קינד, און פונדעסטוועגן, האָט ער געענטפערט אַ בעסערן תירוץ ווי דו זאָגסט'...

אויב דער תנא רעכנט אויס אַלע טעג ווען מ'קען לייענען די מגילה, פאַרוואָס דאַרף ער צולייגן די ווערטער 'לא פחות ולא יותר'. מיר פאַרשטייען דאָך אַליין, 'מכלל הן אתה שומע לאו', אַז אין די אַנדערע טעג פון חודש אדר קען מען נישט לייענען די מגילה?

**ענטפערט** דער 'ברית כהונת עולם' (מאמר הסתר אסתיר, פרק א) עס איז באַקאַנט אַז דער שם הוי' ברוך הוא ווייזט אויף רחמים וחסדים, און דער שם אדנ"י ווייזט אויף מדת הדין ח"ו. דאָס מיינט, דער אמת איז דאָך אַז 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד', און אַלעס איז בלויז חסדים, אָבער כדי צו טוהן גוטס מיט די מענטשן פירט זיך דער אויבערשטער מיט זיי מיט די מדה פון דין וואָס איז מרומז אין דעם שם אדנ"י.

**זאָגט** דער 'ברית כהונת עולם', אין די גאַנצע מגילה זעהט מען נישט קיין שילדערונגען פון אָפענע ניסים אַזוי ווי ביי קריעת ים סוף ווען עס איז געווען אַ הנהגה למעלה מדרך הטבע, נאָר אַלע פרטים פונעם נס זענען געווען באַהאַלטן אין טבע פון דער וועלט. בשעת מעשה האָט מען אינגאַנצן נישט דערקענט אַז דער אויבערשטער באַשאַפט די רפואה פאַר די מכה.

**פון** דעם קען דער מענטש לערנען, אַז מ'דאַרף גלייבן אין די הנהגה פון די בריאה, אַז אַלעס איז מיט אַ פונקטליכן חשבון, אַזוי ווי דער רמב"ן ז"ל שרייבט (שמות יג, טז) 'שנאמין בכל דברינו ומקרינו שכולם נסים, אין בהם טבע ומנהגו של עולם'. מיר זאָלן גלייבן ביי אַלע אונזערע פאַסירונגען אַז זיי זענען אַלע ניסים, עס איז נישט דאָ אין זיין אַ טבע און דער מנהג פון דער וועלט.

**צוליב** דעם זאָגט דער תנא פון די משנה, אַז מ'לייענט די מגילה נאָר אין די דאָזיגע פינף טעג, ווייל די גימטריא פון י"א, י"ב, י"ג, י"ד, ט"ו איז 65 אַזוי ווי דער שם אדנ"י, און די צוויי טעג וואָס דער פסוק איז ממעט אַז מ'קען נישט לייענען אין זיי די מגילה (דאָס הייסט, דער צענטער טאָג, און דער זעכצענטער טאָג פונעם חודש) זענען בגימטריא 26, אַזוי ווי דער שם הוי' ברוך הוא, און עס קומט אונז לערנען, אַז דער סוד פון מגילה-לייענען איז די הנהגה פון דער וועלט מיט'ן דרך הטבע, וואָס איז מרומז אין דעם שם אדנ"י, אָבער 'לא פחות ולא יותר', דאָס הייסט, דער שם הוי', ווייל אין דער גאַנצער מגילה געפינען מיר נישט דעם שם וואָס ווייזט אויף אָפענע ניסים. דאָס לערנט אונז, אַז אויך ווען די הנהגה איז באַהאַלטן פון מענטשליכן אויג, איז מען מחויב צו גלייבן אַז דער אויבערשטער קוקט אַרויס פון די שפּאַלטן - 'מציץ מן החרכים' - און ער האַלט זיין השגחה פרטית מיט גרוים ליבשאַפט, אויף יעדן איד.

### אשר בשושן הבירה - אַלעס איז מיט אַ וואונדערליכן פונקטליכן חשבון

'**בשבת** המלך אחשוורוש על כסא מלכותו אשר בשושן הבירה, בשנת שלוש למלכו עשה משתה' וגו'.

**דער** ווילנער גאון זי"ע ברענגט אין זיין פירוש אויף די מגילה (א, ב) די ווערטער פון 'תרגום שני', אַז שלמה המלך ע"ה האָט געהאַט אַ כסא מלוכה ענליך צו די שטוהל אויבן אין הימל, און ווען פרעה און נבוכדנאצר זענען געזעסן אויף די שטוהל פון שלמה המלך, זענען זיי געשטראָפט געוואָרן (און צוליב דעם ווערט

האָט דער עילוי ווידעראַמאָל געפרובט זיין מזל מיט אַן אַנדערן תירוץ, אָבער אויך דעמאָלס האָט ער איהם געזאָגט, אַז זיין זיידע דער גר"א האָט געענטפערט אַ בעסערן תירוץ... האָט דער עילוי שוין געבעטן עטליכע טעג צייט צו קענען ענטפערן אַ תירוץ, און דעמאָלס וועט ער איהם שוין געבן אַ פיינעם ענטפער. ער איז טאַקע צוריקגעקומען עטליכע טעג שפּעטער מיט 'גאַנצע בערג' פון תירוצים, און מיט דעם כח פון פלפול אין וועלכן ער האָט זיך היבש אויסגעצייכנט, האָט ער אויסגערעכנט פאַרשידענע וועגן ווי אַזוי מ'קען מאַכן אַ חילוק צווישן די משנה אין מסכתא מגילה און די משנה אין מסכתא שבת.

דעם גאון'ס אייניקל האָט זיך אָבער ווייטער גע'עקשנ'ט אַז 'מיין זיידע איז געווען אַ יונגל, און פונדעסטוועגן, האָט ער באַלד געענטפערט אַ בעסערן תירוץ ווי אַלע דיינע תירוצים'... בלית ברירה, איז דער עילוי שוין געוואָרן נייגעריג צו הערן וואָס פאַר אַ תירוץ דער גאון האָט געענטפערט, און דאָס אייניקל האָט געענטפערט, אַז דער זיידע האָט געענטפערט אַ פשוט'ן תירוץ... סיי אין מסכתא שבת, סיי אין מסכתא מגילה, זאָגט די משנה 'לא פחות ולא יותר'... און ממילא איז 'קושיא מעיקרא ליתא', ווייל ביידע משניות זאָגן די זעלבע ווערטער...

ער אָנגערופן 'פרעה נכה', ווייל ווען ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף די שטוהל פון שלמה המלך ע"ה, איז ער געביסן געוואָרן דורך די צורה פון אַ לייב וואָס איז געווען אויסגעקריצט אויף די שטוהל, און פון דעם איז ער געוואָרן הינקעדיג אויפ'ן פוס).

**צוליב** דעם האָט אחשוורוש נישט געוואַגט צו טוהן דאָס זעלבע און זיך זעצן אויף די שטוהל פון שלמה המלך. ער האָט אָבער זייער געגליסט צו בויען פאַר זיך אַ שטוהל וואָס איז ענליך צו די שטוהל פון שלמה המלך ע"ה, און פאַר דעם צוועק האָט ער געזוכט פאַכלייט וואָס זאָלן קענען אויפבויען פאַר איהם אַן ענליכע שטוהל. נאָך לאַנגע באַמיאונגען, האָט מען געטראָפן אין שושן אַרבעטער וואָס קענען בויען אַזאַ שטוהל, וואָס האָט געדויערט דריי יאָר צו בויען. ווען עס פארטיג געווארן האט מען זיך געטראפן א גרויסע פראבלעם, עס איז געווען אזוי גרויס און שווער אז זיי האָבן עס פשוט נישט געקענט אַריבערפירן צום קעניגליכן פאַלאַץ פון אחשוורוש, און אויף דעם זאָגט דער פסוק (אסתר א, ב) 'בשנת שלש למלכו, כשבת המלך אחשוורוש על כסא מלכותו אשר בשושן הבירה', צוליב דעם איז שושן געוואָרן די הויפטשטאָט, ווייל די אַרבעטער האָבן דאָרט געבויט די קעניגליכע שטוהל און אחשוורוש האט זיך אריבערגעצויגן אהין... און דער תכלית פון דעם אַלעם איז געווען צוליב 'איש יהודי היה בשושן הבירה ושמו מרדכי', ווייל דורך דעם וואָס מרדכי איז געזעסן ביים קעניגליכן טויער, האָט פאַסירט דער נס מיט די אידן.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, אויב אַזוי, האָט דאָך מרדכי זיך געקענט אַריבערציען צו די קעניגליכע הויפטשטאָט, און דאָרט האָט ער געקענט זיצן ביים קעניגליכן טויער. נאָר וואָס דען, דער אויבערשטער האָט נישט געוואָלט מטריח זיין מרדכי הצדיק צו טוישן זיין וואוין-אָרט, און צוליב דעם האָט דער אויבערשטער צוגעפירט אַז אחשוורוש זאָל זיך פאַרגליסטן צו בויען אַ קעניגליכע שטוהל אַזוי ווי שלמה המלך ע"ה האָט געהאַט, און ער האָט נישט געטראָפן קיין עקספערטן פאַר דעם נאָר אין שושן הבירה, און זיי האָבן נישט געקענט בויען די שטוהל נאָר אין יענע שטאָט, און דערפאַר איז שושן געוואָרן די הויפטשטאָט פון דער מלוכה, און דאָס אַלעס, כדי איין איד, מרדכי, זאָל נישט דאַרפן וואַנדערן פון איין שטאָט צו דער אַנדערער שטאָט אויף די וועגן.

**לערנען** מיר אויך פון דעם אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן פאַר'ן כלל ישראל, און די גאַנצע הנהגה פון דער וועלט איז מיט אַ וואונדערליך-פונקטליכן חשבון, אַלעס כדי גוטס צו טוהן שפעטער מיט אידישע קינדער[טו].

**נאָך** אַ לימוד פון השגחה פרטית לערנען מיר פון דעם נס פון פורים, ווי דער 'אלשיך' הקדוש זי"ע לערנט

---

**טו.** מיר ווייסן דאָך אַז די תורה איז אַ נצחיות, און אויך היינטיגע צייטן, אין דעם פינצטערן גלות, ווערט אַלעס געפירט מיט אַ גענויע השגחה פרטית.

ס'איז אַ מנהג ישראל שוין הונדערטער יאָרן, אַז די 'חברה קדישא', וואָס גיבן זיך אָפּ אַ גאַנץ יאָר מיט טוהן אַ 'חסד של אמת' מיט די נפטרים פאַסטן אין ז' אדר, כדי מכפר צו זיין אויב זיי האָבן בשוגג נישט גענוג אַכטונג געגעבן צו היטן דעם כבוד פון די נפטרים, און מוצאי ז' אדר, מאַכן זיי גרויסע סעודות וואו אַלע מיטגלידער פון די חברה קדישא זיצן צוזאַמען ביי די סעודה.

יאָרן צוריק, האָט איינער פון די חברה קדישא דערציילט אַ וואונדערליכע געשיכטע, פון וועלכע מ'קען לערנען די חשיבות פון יעדן פשוט'ן איד, און ווי אַזוי דער אויבערשטער פירט צו מיט השגחה פרטית צו טוהן דעם רצון פון אַ פשוט'ן איד. און אָט וואָס ער האָט דערציילט:

אין ירושלים עיר הקודש האָבן געוואוינט אַ פאָרפאָלק וואָס האָבן ליידער נישט זוכה געווען צו קינדער. דער מאַן איז געוואָרן נישט געזונט ל"ע און ביז אַ קורצע צייט איז ער נפטר געוואָרן אין אַ פרייטאָג. די פרוי האָט זיך באַלד פאַרבונדן מיט די חברה קדישא צו בעטן זיי זאָלן טוהן דעם חסד של אמת מיט איר מאַן דעם נפטר, אָבער צוליב די שפעטע שעה צו שבת, האָבן זיי זיך אַנטשולדיגט אַז זיי קענען נישט מאַכן די לוי' יענעם טאָג, ווייל זיי וועלן נישט באַוויַזן צו מאַכן די קבורה פאַר דעם זמן פון כניסת השבת, און זיי האָט אָפּגעשמועסט צו מאַכן די לוי' פון דעם נפטר מוצאי שבת.

יענעם שבת איז אין ירושלים נסתלק געוואָרן איינע פון די נקיי הדעת שבירושלים, און מ'האָט פאַר איהם אַדורכגעפירט אַ גרויסע לוי', און צוליב דעם האָט די חברה קדישא נישט געקענט מאַכן די לוי' פון יענעם עלענדן קינדערלאָזן נפטר ביז גאָר שפעט ביינאַכט, ווען זיי האָבן געמאַכט די 'טהרה', אָבער ווען זיי האָבן שוין געוואָלט אַרויספאָרן צום הר הזיתים, האָבן זיי געזעהן אַז זיי האָבן נישט מער ווי 9 מענטשן, און ס'איז דאָך נישט שייך צו מאַכן די קבורה מיט ווייניגער ווי אַ 'מנין' ערליכע אידן. איז איינע פון די חברה קדישא אַריינגעגאַנגען אין איינע פון די בתי מדרשים אין ירושלים, און צוגעגאַנגען צו אַ איד וואָס איז געזעסן און געלערנט, און איהם געבעטן צו טוהן אַ חסד של אמת און קומען זיך משתתף זיין אין די לוי' פון דעם עלענדן נפטר.

אין אָנהייב האָט דער איד זיך פרובירט אַרויסדרייען דערפון, פאַרענטפערנדיג זיך אַז ער דאַרף צוגרייטן אַ שיעור פאַר זיינע תלמידים אויף צומאָרגענס, און אויב ער וועט נישט לערנען יעצט, וועט ער נישט האָבן וואָס צו זאָגן זיי ביים שיעור. ווען זיי האָבן אָבער נישט געטראָפן אַ צווייטן, איז ער געגאַנגען מיט זיי כדי צו טוהן דעם חסד של אמת, ווייל ביי לימוד התורה זאָגן חז"ל (מו"ק ט.) אַז מ'זאָגט נישט דעם כלל פון 'העוסק במצוה פטור מן המצוה', ווייל דער גאַנצער ציל פונעם לערנען איז דאָך 'על מנת לקיים'.

געווען איז דאָס אַ ווינטער-נאַכט, מוצאי שבת נאָך חצות, ווען עס זענען געקומען אַ מנין אידן טוהן אַ 'חסד של אמת' מיט אַ אידישן נפטר וואָס האָט נישט געהאַט קיין משפחה. נאָך 'סתימת הגולל', האָט איינע פון די אָנוועזענדע זיך פלוצלינג דערמאנט, אַז דער נפטר האָט אָנגעזאָגט פאַר זיין פטירה, אַז נאָך זיין קבורה זאָל מען זינגען ביי זיין קבר דעם זמר 'בר יוחאי', וואָס איז אָנגענומען אַלע תפוצות ישראל. נו, מ'ווייסט דאָך אַז 'מצוה לקיים דברי המת', האָבן זיי זיך אינטערעסירט אויב עמיצער האָט ביי זיך אַ סידור צו זאָגן די ווערטער פונעם זמר. קיינער האָט אָבער נישט געהאַט קיין סידור, און אויך האָט קיינער פון זיי נישט געקענט דעם גאַנצן נוסח בעל פה. פלוצלינג האָט דער איד, דער מגיד שיעור, וואָס האָט פאַרמאַכט די גמרא כדי צו קומען טוהן אַ חסד של אמת, זיך דערמאנט אז ער האט ביי זיך אין טאַש אַ בלעטל מיט די פיוטים וואָס מ'זינגט ל"ג בעומר, און אַלע האָבן טאַקע צוזאַמען געזינגען דעם 'בר יוחאי', און געווען צופרידן אַז זיי האָבן באַוויזן צו טוהן זיין רצון.

צוריקפאָרנדיג אַהיים, האָבן די חברה קדישא געפרעגט דעם תלמיד חכם, ווי קומט צו איהם אינמיטן ווינטער דאָס בלעטל מיט די ניגונים פון ל"ג בעומר. האָט דער איד געענטפערט, דערציילנדיג 'דברים כהווייתן', אַז ער פירט זיך יעדן שבת צו דאַווענען מנחה מיטאָג צייט, ביי 'מנחה גדולה', אין אַ שול וואָס געפינט זיך נעבן זיין הויז. היינטיגן שבת האָט ער אָבער פאַרשפעטיגט צוליב אַ סיבה, און האָט נישט באַוויזן צו דאַווענען מנחה דאָרט וואו ער דאַווענט יעדן שבת נאָכמיטאָג, און ער האָט דעריבער געדאַווענט ביים זמן פון 'מנחה קטנה', אין אַן אַנדערע ביהמ"ד, און ער האָט דאָרט אויך געגעסן שלש סעודות.

דערציילט ער ווייטער, אַז נאָכ'ן דאַווענען מעריב מוצאי שבת, האָט ער באַשלאָסן צו פאַרבלייבן אין שול (נישט ווי זיין שטייגער יעדן מוצאי שבת) כדי צוצוגרייטן דעם שיעור אויף מאָרגן, און נישט אַהיימגיין מאַכן הבדלה, כדי די קינדער זאָלן איהם נישט שטערן פון צוגרייטן דעם שיעור. גייענדיג צו מנחה, האָט איינע פון זיינע קינדער געפונען אַ בלעטל מיט די פיוטים פון ל"ג בעומר, ווי עס ליגט אויף דער ערד בבזיון, האָט ער עס אויפגעהויבן און געגעבן פאַר זיין טאַטן עס צו באַהאַלטן בדרך כבוד (עיין בספר 'מאור השבת' (ח"ב ע' תרכו), אַז די פוסקים זענען נוטה מתיר צו זיין צו טוהן אַזוי, און עס איז נישט אין גדר פון 'שברי כלים' וואָס איז 'מוקצה'), און ער האָט טאַקע גענומען דאָס בלעטל און אַריינגעשטעקט אין טאַש, און פאַרגעסן פון די גאַנצע געשיכטע... אָבער יעצט, נאָך די קבורה פון דעם נפטר, האָט ער זיך דערמאנט אז ער האָט ביי זיך דעם נוסח פון דעם זמר 'בר יוחאי', כדי מ'זאָל קענען מקיים זיין דברי המת.

אַז מ'טראַכט אַריין אין די מעשה, זעהט מען וויפיל סיבות דער אויבערשטער האָט צוגעפירט אַז מ'זאָל קענען מקיים זיין די בקשה פונעם נפטר אַז מ'זאָל זינגען 'בר יוחאי' נאָך סתימת הגולל. צוערשט האָט זיך געטראָפן אַז ער האָט פאַרשפעטיגט צו דאַווענען מיט זיין קביעות'דיגן מנין, און דאָס האָט גורם געווען אַז אויפ'ן וועג האָט ער געטראָפן דאָס בלעטל, און צוליב דעם האָבן די חברה קדישא אויך נישט געטראָפן אַ 'מנין' אידן צו קומען צום הר הזיתים, און זיי האָבן געדאַרפט זוכן אַ צענטן וואָס זאָל משלים זיין צום מנין, און דווקא ער איז געווען פון די אידן אין שוהל וואָס האָט מסכים געווען צו טוהן דעם חסד של אמת, און נישט נאָר דאָס, נאָר צוליב דעם האָט זיך פאַרשפעטיגט די צייט פון די לוי', ווייל אויב מ'וואָלט איהם באַגראָבן פריער וואָלטן געווען מער משתתפים

פונעם פסוק (אסתר ו, א) 'בלילה ההוא נדדה שנת המלך, ויאמר להביא את ספר הזכרונות'. אחשוורוש האָט געוואלט וויסן אויב מ'האָט באַצאָלט מרדכי'ן פאַר דעם וואס ער האָט געראַטעוועט זיין לעבן, און המן איז גערופן געוואָרן אין קעניגליכן פאַלאַץ, און מ'האָט איהם געפרעגט וואָס מ'זאָל טוהן מיט דעם מענטש וואָס דער קעניג וויל איהם גרויס מאַכן: 'מה לעשות באיש אשר המלך חפץ ביקרו', און המן האָט געענטפערט וואָס ער האָט געענטפערט ('יביאו לבוש מלכות' וגו'), וואָס פון דעם האָט זיך אָנגעהויבן די ישועה פונעם נס פורים.

**מ'זעהט** דאָ אָבער אין די דאָזיגע 'מעשה', די וואונדערליכע השגחה פרטית פון באַשעפער. ערשטענס, אַז המן איז אָנגעקומען צום קעניגליכן פאַלאַץ אין דער ריכטיגער מינוט, ווייל אויב ער וואָלט אָנגעקומען עטליכע מינוט פריער, און ער וואָלט געהערט פון אונטער'ן פענצטער ווי דער קעניג פרעגט 'מה נעשה יקר וגדולה למרדכי על זה', וואָלט ער דאָך אַוודאי נישט געענטפערט וואָס ער האָט געענטפערט, ווייל ער וואָלט דאָך שוין געוואוסט אַז דאָ רעדט מען וועגן אָפּגעבן כבוד פאַר זיין שונא מרדכי.

**פון** דער אַנדערער זייט, אויב המן וואָלט געקומען אַ פאָר מינוט שפּעטער [ספּעציעל אַז עס פּאַסט דאָך נישט צו קומען צום קעניג אינמיטן נאַכט צו בעטן אַז מ'זאָל הרג'ענען מרדכי'ן, נאָר זיין שנאה האָט איהם פשוט אַראָפּגעפירט פון זינען], און המן וואָלט נישט געשטאַנען אין הויף ווען אחשוורוש האָט געוואָלט וויסן 'מי בחצר', איז דאָך מסתבר אַז מ'וואָלט צוגערופן איינע פון די קנעכט וואָס האָבן זיך געפונען אין קעניגליכן פאַלאַץ, און איהם וואָלט מען געפרעגט וואָס צו טוהן מיט דעם מענטש וואָס דער קעניג וויל איהם גרויס מאַכן, וואָלט דער קנעכט מסתמא - לויט זיינע קליינע השגות - געזאָגט אַז מ'זאָל איהם שענקען במתנה אַ פעלד, אָדער אַן ענליכן מתנה... און אַפילו אויב ער וואָלט יאָ געענטפערט אַזוי ווי המן האָט געענטפערט, אַז מ'זאָל געבן פאַר יענעם כבוד און אַרומפירן איבער די שטאָט אויפ'ן קעניגליכן פערד מיט די קעניגליכע קליידער, וואָלט המן איהם נישט געפירט אויף די גאַסן פון שושן (נאָר יענער קנעכט, אָדער אַן אַנדערער). אָבער כדי משלים צו זיין דעם נס, האָט דער אויבערשטער צוגעפירט אַז המן זאָל אָנקומען צום קעניגליכן הויף אין דער ריכטיגער און פונקטליכער מינוט, כדי ער זאָל אַראָפּפאַלן 'מאיגרא רמא לבירא עמיקתא', און פון דאַן און ווייטער, האָט אָנגעהויבן אויפשיינען די ישועה פאַר אידישע קינדער[טו].

**נאָך** מער, עס וואָלט געפּאַסט אַז אויב איינער ראַטעוועט דעם קעניג'ס לעבן, זאָל מען איהם באַלוינען תיכף ומיד, און ממילא, וואָלט אחשוורוש לכאורה געדאַרפט אַריינגעמען מרדכי'ן אין זיינע קעניגליכע אוצרות און איהם באַלוינען מיט אַסאַך גאָלד און זילבער, אָבער

---

ביי די לוי', און זיי וואָלטן נישט געדאַרפט אָנקומען צו דעם תלמיד חכם אַז ער זאָל משלים זיין צום מנין, און ממילא, וואָלטן זיי נישט געקענט טוהן דעם רצון פונעם נפטר. פון דעם אַלעם זעהען מיר ווי די גאַנצע הנהגה פון דעם אויבערשטען איז פונקטליך אויסגערעכנט, ממש צום האָר.

**טז.** מ'קען צולייגן, אויב המן וואָלט באַשלאָסן צוצוגרייטן דעם בוים אַ טאָג פריער, וואָלט ער דאָך שוין נעכטן געקומען צום קעניג זאָגן מ'זאָל אויפהענגען מרדכי'ן אויפ'ן בוים, און אחשוורוש וואָלט איהם נישט צוריקגעהאַלטן. אדרבה, אחשוורוש איז דאָך געווען אַ שונא ישראל אַזוי ווי המן, און ער וואָלט זיך אַוודאי געפרייט צו הרג'ענען מרדכי הצדיק, אַזוי ווי חז"ל זאָגן (מגילה יד.) אַ משל וועגן אחשוורוש און המן: צוויי מענטשן, איינער האָט געהאַט אַ באַרג אין זיין פעלד, און דער צווייטער האָט געהאַט אַ גרוב אינעם פעלד. זאָגט דער מענטש וואָס האָט אַ גרוב, הלוואי קען איך אָפּקויפן דעם באַרג מיט ערד, כדי צו קענען אָנפילן דעם גרוב, און דער אייגנטימער פונעם פעלד וואו עס געפינט זיך דער באַרג מיט ערד, זאָגט, ווי געפין איך עמיצן וואָס זאָל מיר פאַרקויפן דאָס אָרט פון זיין גרוב כדי אַריינצולייגן דאָרט די ערד. אין אַ טאָג האָבן זיי זיך באַגעגנט, און דער בעל החריץ האָט געזאָגט צום בעל התל, פאַרקויף מיר דיין באַרג מיט ערד. האָט ער איהם געזאָגט, הלוואי, זאלסטו עס נעמען אַפילו אומזיסט...

דער נמשל איז, דער אויבערשטער האָט צוזאַמענגעפאָרט אחשוורוש מיט המן, וואָס ביידע האָבן פיינט געהאַט די אידן, אָבער דער אויבערשטער האָט צוגעגרייט די ישועה מיט אַ פונקטליכן חשבון, און אַלעס איז געקומען געענוי אין די סעקונדע ווען עס האָט געדאַרפט קומען, כדי צו ברענגען די ישועה פאַר כלל ישראל.

דאָ איז גאָר איינגעפאַלן פאַר אחשוורוש'ן צו פאַרשרייבן די געשיכטע מיט מרדכי אין זיין 'ספר הזכרונות', און ער האָט איהם גאָרנישט באַלוינט בשעת מעשה...

**צום** סוף האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז אויך דאָס איז געווען לטובה, ווייל דורך דעם איז אַרויסגעקומען די ישועה פאַר אידן, און ס'איז געווען בהשגחה פון דעם אויבערשטען אַז אחשוורוש האָט נישט באַלוינט מרדכי אויפ'ן אָרט, נאָר ער האָט עס פאַרצייכנט לזכרון, כדי די ישועה זאָל קומען ווען מרדכי און די אידן וועלן עס דאַרפן האָבן. אויב ער וואָלט איהם באַצאָלט דעמאָלס בשעת מעשה ווען מרדכי האָט געראַטעוועט זיין לעבן, איז דאָך מעגליך אַז ווען ס'איז געווען די צרה מיט המן'ס גזירה וואָלט אחשוורוש זיך שוין אַרויסגעדרייט פון איהם העלפן. ממילא איז למפרע נתברר געוואָרן אַז דער אויבערשטער האָט בכוונה תחילה צוגעפירט אַז מ'זאָל פאַרשרייבן די מעשה אינעם 'ספר הזכרונות', און איהם נישט תיכף באַצאָלן.

**רבינו** שמשון משאנץ שרייבט (אין זיין פירוש אויף תורת כהנים, בחוקותי, ג) 'זכור את אשר עשה לך עמלק' - 'שתהא שונה בפיך הלכות מגילה'. דו זאָלסט לערנען די הלכות פון קריאת המגילה.

**דער** טעם דערפון איז, ווייל די גאַנצע מגילה איז איין קייט פון אמונה אין די השגחה פון דעם אויבערשטען ברוך הוא אויף דער וועלט וואָס ער האָט באַשאַפן מיט די מדה פון רחמים, ווי דער ווילנער גאון זצ"ל האָט געזאָגט, אַז דער וואָס וויל האָבן חיזוק אין אמונה אַ גאַנץ יאָר, זאָל ער אַריינקוקן אין מגילת אסתר, און דער חיזוק פון אמונה איז דער אופן פון מקיים זיין די מצוה פון 'תמחה את זכר עמלק'[יז].

דער 'רוקח' שרייבט אַ רמז אויפ'ן פסוק (ירמיה ל, ז) 'ועת צרה היא ליעקב וממנה יוושע'. דאָס וואָרט '**וממנה**' האָט זי זעלבע אותיות ווי '**ומהמן**', ווייל דייקא דורך המן איז געקומען די ישועה פאַר כלל ישראל, ווי מיר זאָגן אין די ברכה 'אשר הניא', נאָכ'ן מגילה-לייענען 'פור המן נהפך לפורינו'.

אַזוי טייטשן די ספרים דעם פסוק אין מגילת אסתר (ט, כו) 'על כן קראו לימים האלה פורים על שם הפור'. איז שווער, פאַרוואָס ווערט דער יום טוב אָנגערופן 'פורים', אויפ'ן נאָמען פונעם גורל וואָס המן האָט געוואָלט ווען ס'איז געווען די צרה פון די גזירה, און מ'רופט נישט דעם יום טוב אויפ'ן נס פון די הצלה. אַלע ימים טובים ווערן דאָך אָנגערופן אויפ'ן נאָמען פונעם נס: 'פסח', ווי דער פסוק זאָגט (שמות יב, כז) 'ואמרתם זבח פסח הוא לה', אשר פסח על בתי בני ישראל במצרים'. 'סוכות': 'כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים' (ויקרא כג, ג). 'חנוכה': 'חנו כ"ה' - זיי האָבן גערוהט פון די מלחמה אין דעם פינף און צוואַנציגסטן טאָג פון חודש כסלו. אויב אַזוי, מיט וואָס איז פורים אַנדערש אַז עס איז גערופן געוואָרן 'על שם הפור' (זעה 'בני יששכר', חודש אדר, מאמר ד', באריכות).

## מן הבאר

דער 'קדושת לוי' (קדושה רביעית) טייטשט די ווערטער פון די גמרא (מגילה ז:) 'מיחייב איניש לבסומי בפוריא, עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי': מ'איז מחויב צו האָבן פאַרגעניגן פון די הארה פון פורים. **דער מענטש זאָל זאָגן אַז עס איז נישט דאָ קיין שלעכטס אויף דער וועלט, סיי די זאַכן וואָס טויגן נישט**, אין דער בחינה פון 'ארור המן', **און סיי די גוטע זאַכן** - 'ברוך מרדכי' - **אַלעס איז גוט וואויל...** דאָס איז די כוונה פון 'עד דלא ידע', דאָס הייסט, אַלע זאַכן, אפי' אויב עס זעהט אויס ווי שלעכט חלילה, איז עס נאָר גוט, ווייל אַלעס איז פון דעם באַשעפער ברוך הוא, 'המלך הטוב'!

אָבער לויט ווי מיר שמועסן איז פאַרענטפערט, ווייל נאָך דעם ווי עס האָט פּאַסירט דער נס, **האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דער גאַנצער 'גורל' איז געווען פאַר אונזער טובה, און עס איז נישט געווען דאָ אַ צרה, נאָר אַ גרויסע ישועה פאַר אידן**, און דאָס האָבן חז"ל אונז געוואָלט לערנען **לדורות עולם, אַז אויב מיר זעהען אַז עס איז אַן עת צרה ח"ו, זאָל מען געדענקען אַז מ'וועט נאָך אויסגעפינען אַז 'וממנה יוושע'**, און צוליב דעם האָט מען באַשטימט לדורות צו רופן דעם יום טוב 'פורים', אויפ'ן נאָמען פונעם נס וואָס איז געווען אין דעם גורל...

**יז.** דער סאָכאַטשאָווער רבי, הרה"ק בעל 'אבני נזר' זי"ע, האָט געזאָגט אַז אין וואָרקע, פלעגן די חסידים לערנען

דער באַשעפער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין צו געבן זעהן אין די לאַנגע 'מגילה' פונעם גלות ווי אַלעס איז געווען לטובה פאַר אידישע קינדער, במהרה בימינו אמן. עין בעין ישועת ה' כהרף עין, און מ'זאָל שוין קענען

---

אַ גאַנץ יאָר מסכתא מגילה, כדי אויסצומעקן דעם זכר פון עמלק. ווייל די גאַנצע מגילה איז דאָך איין 'חטיבה' פון השגחה פרטית. ('שיח שרפי קודש', ח"ג)

אויך ווערט געברענגט אין ספר 'דברי חנה' (פון הרה"ק רבי חנה הלברשטאם מקאָלאָשיץ זצ"ל הי"ד), אַז דאָס **לערנען מסכת מגילה אַ גאַנץ יאָר, איז מסוגל זוכה צו זיין צו יראת שמים.**

## קראתי בשם בצלאל בן אורי בן חור למטה יהודה

אָפט מאָל געפינט זיך דער מענטש אין אַ קלעם, ברוחניות אָדער בגשמיות, ביי פרנסה אָדער ביי שידוכים, ביי רפואה אָדער נחת א.א.וו.. ער לייגט אַריין זיין גאַנצע האָפענונג אויף אַ צווייטן מענטש מיט וועמען ער איז נאָנט בידידות אַסאַך יאָרן, און ער האָט אַסאַך פאַרבינדונגען אין די 'הויכע פענצטערס', אָדער ער איז רייך, אָדער אַנדערע האָפענונגען, און דערווייל, ווען ער קומט צו יענעם זיך בעטן ביי איהם פאַר די טובה, אָדער צו דעם 'עסקן', מאַכט עס יענער אינגאַנצן אַוועק, אָדער ער ווייזט איהם אַז ער קען נישט, אָדער ער וויל נישט העלפן... איז דער מענטש וואָס דאַרף האָבן די טובה פון יענעם, פול מיט טענות אויף יענעם... אַ זאַך וואָס גיט נישט צו צום געזונט, און אַוודאי נישט צום גייסטישן געזונט. דעריבער איז די עצה, צו פאַרלאָזן זיך נאָר אויף דעם אויבערשטען אַליין, וואָס ער פירט די וועלט. די מענטשן באַשליסן נישט פאַר איהם, נאָר אַלעס איז פון הימל. 'לב מלכים ושרים ביד ה'', אויב דער אויבערשטער וויל, וועט קיינער איהם נישט קענען שטערן.

ווי באַקאַנט, איז דער גאון רבי אלחנן וואַסערמאַן זצ"ל הי"ד געשטאַנען אין שפּיץ פון די ישיבה 'אהל תורה' אין באַראַנאָוויטש. ווען די חובות האָבן זיך געשטאַרקט אַזוי ווייט אַז די הנהלה פון די ישיבה האָט שוין נישט געקענט צושטעלן אַפילו אַ טרוקן שטיקל ברויט פאַר די תלמידים, איז רבי אלחנן געווען געצוואונגען צו נעמען דעם וואַנדער-שטעקן אין האַנט און אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד, מעורר צו זיין אחינו בני ישראל איבער דעם גרויסן זכות און פליכט וואָס ליגט אויף אידן צו שטיצן לימוד התורה. אין אויסלאַנד, פלעגט ער זיך פירן צו גיין פאר שבתים איבער פאַרשידענע בתי מדרשים, וואו ער פלעגט אויפטרעטן מיט דרשות צו עפענען די הערצער פון די נדיבי עם, וועלכע פלעגן זיך טאַקע מתחייב זיין צו געבן שיינע סכומים אויפצוהאַלטן די ישיבה אין באַראַנאָוויטש.

אַמאָל פרייטאָג צו נאַכטס, נאָך קבלת שבת, האָט רבי אלחנן אויפגעטראָטן מיט דברים חוצבים להבות אש וועגן די מעלה פון די לומדי תורה, און ברייטער אַרומגערעדט דעם גרויסן זכות צו זיין פון די 'תמכין דאורייתא'. ער האָט געשילדערט דעם קלעם אין וועלכן עס געפינען זיך די אָרימע בחורים וואָס האָבן נישט אַפילו אַ שטיקל ברויט צו עסן. ער האָט ערקלערט אַז יעדע וואָך קאָסטן די הוצאות אויסצוהאַלטן די ישיבה אַכציג דאָלאַר (אַ גרויסער סכום בימים ההם), און איין טאָג קאָסט 11 דאָלאַר און 43 סענט. ער האָט זיך אַלזאָ געוואָנדן צום עולם צו נעמען אויף זיך איין וואָך, אָדער אַפילו איין טאָג, אויסצוהאַלטן די ישיבה. די 'דברים היוצאים מן הלב', פונעם הייליגן הארץ פון רבי אלחנן וואַסערמאַן, האָבן טאַקע אויפגעטוהן און איבערגעלאָזט אַ געוואַלדיגן רושם אויף די צוהערער.

אָבער באַלד נאָך דעם ווי רבי אלחנן האָט געענדיגט רעדן, האט דער רב פון די שול אויפגעטרעטן מיט אַ רעדע, און וויבאַלד ער האָט 'רחמנות געהאַט' אויפ'ן געלט פון די אידן אין שול, האָט ער אָנגעהויבן שילדערן פאַר'ן עולם דאָס חשיבות און דעם גרויסן זכות פון געבן אַפילו איין דאָלאַר... ווי חשוב ס'איז אין הימל יעדע פרוטה און יעדער 'משהו' וואָס אַ איד גיט פאַר צדקה, און ליידער האָט דער רב טאַקע באַוויזן אָפּצוקילן די הערצער פון די אידן, און דאָס האָט געפירט דערצו, אַז יעדער איינער וואָס האָט זיך פריער געקלערט בייצושטייערן מיט שיינע סכומים, האָט זיך למעשה מתחייב געווען נאָר געציילטע דאָלאַרס, און אפילו 'למחצה, לשליש ולרביע'... דער אַפּיל פון רבי אלחנן איז דורכגעפאַלן. האָט דער רב פון דער שול שוין געשפּירט אַז ער האָט 'קאַליע געמאַכט' פאַר רבי אלחנן וואַסערמאַן, ווען מענס גאַנצע דרשה איז געווען אומזיסט, און ער איז צוגעגאַנגען צו רבי אלחנן, פרובירנדיג איהם איבערבעטן.

האָט רבי אלחנן געזאָגט צו דעם רב, דער פסוק זאָגט (פרשתינו לא, א-ה) 'וידבר ה' אל משה לאמור, ראה קראתי בשם בצלאל בן אורי בן חור למטה יהודה וכו', לעשות בזהב ובכסף ובנחשת וכו', לעשות בכל מלאכה'. לאָמיר זיך אַלזאָ פאָרשטעלן ווי אַזוי עס האָט אויסגעזעהן ווי משה רבינו ע"ה קומט אַראָפּ פונעם באַרג און ער זוכט בצלאל איהם צו זאָגן אַז דער אויבערשטער האָט איהם אויסגעוויילט צו בויען דעם משכן און זיינע כלים. איז משה צוגעגאַנגען צום ערשטן איד וועמען ער האָט באַגעגענט, און איהם געפרעגט אויב ער איז אפשר בצלאל דער זון פון אורי, דער זון פון חור. האָט יענער געענטפערט, ניין, איך בין 'ראובן בן יעקב'. איז משה רבינו געגאַנגען ווייטער, און געפרעגט אויך אַ צווייטן וועמען ער האָט באַגעגנט, אויב ער הייסט אפשר בצלאל, און איז דער זון פון אורי. האָט יענער געענטפערט, ניין, מיין נאָמען איז שמעון בן יעקב... נו, **איז דען איינגעפאַלן פאַר משה רבינו צו זיין בייז אויף זיי פאַרוואָס זיי בויען נישט דעם משכן?** ס'איז דאָך פשוט בתכלית הפשטות, אַז ס'איז נישטאָ קיין סיבה צו האָבן טענות אָדער זיין אין כעס, ווייל פון הימל האָט מען אויסגעקליבן בצלאל בן אורי דייקא, און יענע אַנדערע אידן זענען נישט אויסגעוויילט געוואָרן. ממילא, קען מען נישט האָבן קיין טענה צו זיי אַז זיי הייסן ראובן און שמעון, און נישט בצלאל... און רבי אלחנן האָט אויסגעפירט:

- פון הימל האָט מען גוזר געווען אַז דער ציבור מתפללים פון די ביהמ"ד דאָ זאָלן נישט זוכה זיין אויפצושטעלן אַ 'משכן' פאַר תורה. איך דאַרף נאָר זוכן די 'בצלאל בן אורי' ערגעץ אַנדערש, וואָס זענען יאָ אויסגעוויילט געוואָרן צו האָבן דעם זכות צו זיין פון די מחזיקי תורה. ממילא, האָב איך נישט וואָס צו זיין אין כעס אויף אייך...

פון דעם לערנען מיר, אַז אויב עמיצער ענטפערט נישט דיין בקשה ווען דו בעטסט איהם ער זאָל דיר טוהן אַ טובה, זאָלסטו נישט ווערן פאַרביטערט אויף איהם פאַרוואָס ער האָט אַ 'פאַרשטאָפּטע האַרץ', ווייל **אַלעס איז פון הימל, און אַזוי איז נגזר געוואָרן אויבן אין הימל אַז נישט ער זאָל דיר העלפן, נאָר אַ צווייטער, פאַר וועמען מ'האָט פון הימל יא באַשטימט די דאָזיגע אויפגאַבע...**